# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 238 ראש השנה · תשפ"ה



## אומאן אפעראציע:

אומאן ראש השנה פארן האבן אן אייגענעם בנין | **מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו** געבט איבער זכרונות פון יענע יארן, ווען מ'האט געוואנדערט פון איין פלאץ צום צווייטן.



## היסטאריע היכל הקודש קרית יואל:

אומבאקאנטע היסטאריע פון היכל הקודש קרית יואל, די לעצטע צוואנציג יאר צום גוטן | דער גבאי **מו"ה יואל פארקאש שליט"א** וויקעלט אויף די זכרונות קאמערלעך פון יענע יארן.



# אומאן ראש השנה תשפ"ה

## קוק אהער:

זיך באקוועם מאכן אין אומאן

## פאר די ברסלב'ע שטוב:

דער גראז שניידער רופט אין קאורט

## קינדער בלעטל:

ביים רבינ'ס ציון קען מען אלעס פועל'ן

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע חשובע ליינער א גוט געבענטשט יאר

קרית ברסלב בלעטל

ראש השנה תשפ"ה • 238





ווען ביפערס קראכן אויף 8



פרישע הייזער אין שטעטל 6



רעסעפי לכבוד יום טוב 59

10 צום פינטל

14 מעשיות פון תפילה

48 היכל הלכה

52 שיעור אין גראמען



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069











א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

# דעלישעס פיש

## יום טוב סקעדזשועל



| שבת | פרייטאג | דאנערשטאג | מיטוואך | דינסטאג | מאנטאג | זונטאג |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 12<br>יום כיפור | 11<br>סטאר שעות:<br>10:00 - 2:00<br>ערב יום כיפור | 10<br>סטאר שעות:<br>10:00 - 5:00 | 9<br>סטאר שעות:<br>10:00 - 5:00<br>**רעגולער דעליווערי** | 8 | 7 | 6 |
| 19<br>סוכות | 18<br>סוכות | 17<br>סוכות | 16<br>סטאר שעות:<br>10:00 - 2:00<br>ערב סוכות | 15<br>סטאר שעות:<br>10:00 - 10:00<br>**מען וועט אויך אי"ה דעליווערן די יום טוב ארדערס** | 14<br>סטאר שעות:<br>10:00 - 8:00<br>**מען וועט אי"ה דעליווערן דריי מאל אייער שבת ארדער** | 13<br>סטאר שעות:<br>10:00 - 5:00 |
| 26<br>בראשית | 25<br>שמחת תורה | 24<br>שמיני עצרת | 23<br>סטאר שעות:<br>11:00 - 4:00<br>הושענה רבה | 22<br>סטאר שעות:<br>11:00 - 5:00<br>**מען וועט אויך אי"ה דעליווערן די יום טוב ארדערס**<br>חול המועד | 21<br>סטאר שעות:<br>11:00 - 5:00<br>**מען וועט אי"ה דעליווערן דריי מאל אייער שבת ארדער** | 20<br>סטאר שעות:<br>11:00 - 4:00<br>חול המועד |

**איב ווילט איר טוישן סיי וואס אין אייער ארדער דארפט איר אריינרופן כאטש 24 שעה פאר עס ווערט דעליווערד.**

**געפילטע פיש | געבאקן | געקאכט | רויע פיש**



בהשגחת הרה"ג אבד"ק טארנאפאל הר' נפתלי מאיר באב"ד שליט"א

ועד הכשרות קרית ברסלב

**YEAR-ROUND DELIVERY IN THE CATSKILLS**

DELICIOUS FISH
Liberty NY

CALL OR TEXT **845.747.0093**



סתם... להוי ידוע...
אן אתרוג
סוחר דארף
מען קענען
טראסטן.
domingrp.com
אתרוגי
ברסלב
בנציון יאקאבאוויטש 347.585.9054
יחזקאל שארף 917.865.9514
מיר ווארטן אייך
פערזענליך צו סערווירן:
קרית ברסלב:
היכל ראזענבערג
וויליאמסבורג:
היכל הישיבה

# היכל הקודש
# נייעס



אומאן

## לעצטיגע הכנות צום קיבוץ ראש השנה אין שטאט אומאן

בשעת מיר גרייטן זיך מיט די לעצטע הכנות צו די געהויבענע טעג אין אומאן בצלא דמהימנותא ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, ווען מיר וועלן זיך ריטשארדשן אונזערע באטעריען מיט אמונה, התחזקות און הדרכה אויף א גאנץ יאר, קומט אריין די אפדעיט פונעם בנין אין אומאן, אז אויך דארט ווערט געמאכט גרויסע הכנות צו אויפנעמען די הונדערטער געסט.

אויסער די פילע תיקונים וואס מען האט שוין געמאלדן, ווי צום ביישפיל די גרויסע אוהל הרחבת הדעת ווי מען וועט עסן די סעודות אויף א געשמאקע פארנעם, און אויסער די צוגעלייגטע וואסער טענק צו פארמערן די וואסער סופליי פארן יום טוב, תיקונים אין די כשרות המקוה, האט מען נארוואס צוגעענדיגט צו בויען שטארקע שיינע דויערהאפטיגע מקוה בענק וואס וועט זיכער אסאך צוגעבן און פארבעסערן די עקספיריענס פון נוצן די מקוה זיך צו מטהר זיין לכבוד החג און לכבוד שבת.

אין די לעצטע יארן האט מען געהאט פראוויזארישע פשוטע בענק אדער בענקלעך, עס איז נישט געווען גענוג פלאץ, און זיכער נישט וואו צו הענגען די וועש, וואס האט פארשוועכט דאס נוצן די מקוה. היי יאר וועט מען בעז"ה דאס מער נישט דארפן האבן, ווען מען האט ברוך השם צוגעלייגט די פילע נייע בענק.

אין ברסלב איז מקוה א שטארקע עיקר, ברסלב'ע חסידים זענען שטארק מקפיד צו גיין אין מקוה יעדן אינדערפרי, זיך מטהר צו זיין פאר'ן אויבערשטן, דער רבי האט געזאגט אז די ערשטע זאך איז מקוה, און מוהרא"ש פלעגט זיך אויסדרוקן אז ברסלב'ע חסידים זענען שטארק דאנקבאר פאר הרה"ק רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע וואס א דאנק אים איז מקוה געווארן שטארק פארשפרייט ביי חסידישע אידן, און אזוי קענען מיר חסידי ברסלב טרעפן פילע הערליכע געשמאקע מקוואות אין יעדע אידישע פלאץ פאר שפאט ביליגע פרייזן.

א ברסלב'ער חסיד האט זיך אמאל אויסגעדרוקט ווען די מקוה איז געווען אויסערליך שמוציג און מאנכע האבן זיך נישט געשפירט באקוועם אריינצוגיין: "די מקוה איז ריין, איך בין שמוציג", ווי צו זאגן אז די קאליר פון די מקוה זעט אפשר נישט אויס אזוי ריין פאר אונזערע אויגן, אבער די נשמה וואשט מען נישט אויס מיט זייף און מיט א שויער, די נשמה וואשט מען אויס אין א מקוה, נישט קיין חילוק וויאזוי עס זעט אויס".

דערפאר זענען אנשי שלומינו שטארק דאנקבאר פאר די עוסקים במלאכת הקודש וואס יום ולילה לא ישבותו, מען ארבעט אויף אלע פראנט צו מאכן דאס ווילן ביים רבי'ן דאס מערסטע היימיש וואס מעגליך, און דערמיט העלפן אנשי שלומינו וואס זענען זיך מוסר נפש צו מקיים זיין א דיבור פון הייליגן רבי'ן "איש בל יעדר - קיינער טאר נישט פעלן".

ווי מען הערט האבן א קבוצה פון א מנין אידן אנשי שלומינו זיך ארויסגעלאזט שוין פאר שבת, כדי צו קענען אהערשטעלן דעם בנין היכל הקודש אין אומאן מיט אלע געברויכן, נאך פאר די גאנצער עולם קומט אן. שבת ווערט געפראוועט אין שטאט ליזענסק סמוך ונראה פון הייליגן צדיק רבי רבי אלימלך זי"ע, און דערנאך לאזט מען זיך ארויס קיין אומאן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין צו פועלן אלעס גוטס פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

# פרישע דירות אין קרית ברסלב בעזרת השם

אין די טעג האט מען אנגעהויבן בויען דריי פרישע הייזער אויף די באַרדיטשעוו גאס, וואס האט שוין ביז יעצט פינף הייזער, און יעצט וועט צוקומען נאך דריי.

מען האפט צו ווערן אפראווד פאר נאך הייזער, לעת עתה וועט מען בויען דריי פרישע הייזער.

פון אונטער די קוליסן ארבעט מען יעדן טאג צו ווערן אפראווד צו קענען בויען נאך הייזער, מ'שלאפט נישט, מ'ארבעט אויף אלע פראנטן מיט די באאמטע צו קענען אדוכגיין די אפראוועלס.

אזוי אויך ארבעט מען יעדן טאג צו קענען ווערן אפראווד אנצוהייבן בויען דעם גרויסן תלמוד תורה בנין, עס האט טאקע אסאך שטרויכלונגען אויפן וועג, אזוי ווי יעדע גוטע זאך וואס מ'וויל טון, איז דא שוועריקייטן אויפן וועג, אבער מיט תפילות פון אלע אנשי שלומינו וועט מען אנקומען.

לאמיר יעצט מאכן א תפילה "הייליגער באשעפער העלף מ'זאל שוין קענען אנהייבן בויען דעם תלמוד תורה בנין כדי צו האבן א פלאץ פאר אונזערע קינדער צו לערנען מיט הרחבת הדעת, און קענען אין זיי אריינלייגן די ריינע אמונה."

מיט אונזערע תפילות וועט מען דאס זיכער באוויזן, דער הייליגער רבי לערנט אונז אז מען טאר נישט אויפגעבן זאל זיין וואס זאל זיין, בפרט ביי אזא וויכטיגע זאך ווי מוסדות דארף מען זיין זייער שטארק און נישט צוריקגיין קיין איין טריט.

אין אנדערע נייעס הערט מען די פרייליכע בשורה אז ברוך השם נאכן געוואלדיגן סוקסעס פון אהערשטעלן דעם ערשטן שארטקאט וואס באהעפט מארקס גאס מיט ירושלים גאס, פון וואס די איינוואוינער האבן דערפון זייער הנאה, האט דער ראש ישיבה צוזאמען מיט די חברי הנהלה אנגעהויבן אריינצוקוקן ווי נאך ס'איז וויכטיג צו אהערשטעלן שארטקאטס.

מ'האט אנגעהויבן צו קלערן איבער א שארטקאט וואס זאל פארגרינגערן די אידן פון רעדקליף און איסט מאנגאופ אנצוקומען צו די האשקי גאס, נאכן איבערגיין אפאר אפציעס וואו דאס צו מאכן, האט מען מחליט געווען אז די שארטקאט זאל זיך אנהייבן ביים שטח אויף איסט מאנגאופ וואס באלאנגט פאר משפחת היילפרין, און עס וועט ארויסקומען אויף האשקי ביים ליידיגן שטח וואס באלאנגט צו מו"ה שבתי מזרחי הי"ו.

גלייך נאכן מחליט זיין האט מען זיך גענומען צו די ארבעט, מ'האט אנגעהויבן אויסרייסןביימער, און דערנאך אנגעהויבן גראד מאכן די פלאץ און לייגן שטיינער.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס שטארק פארגרינגערן פאר די משפחות פוןביידע געגענטער אנצוקומען שנעלער און גרינגער איינער צום צווייטן ווען עס פעלט זיך אויס.



# המלך

קומט אן צו די הייליגע טעג אויסשטאפירט ווי א קעניג מיר וועלן
אייך סערווירן מיט אלע קאסטום שאורום פראדוקטן פון טליתים צו
קיטלעך, שיינע ווייסע גארטלעך און נאך.

CUSTOM
SHOWROOM

יענקי מיט יענקי

917-474-6118 Ext 3

*sruliHeskel

## וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער




# טויזנטער ביפערס און ראדיאס פון כיזבאלא קעמפער רייסן אויף

בשעת עס גייט נאך אן א מלחמה אין עזה מיט כאמאס, איז אויך אין צפון ארץ ישראל שטארק אנגעצויגן, טויזנטער איינוואוינער זענען שוין אנטלאפן פון זייערע הייזער כמעט א יאר, ווען כיזבאלא שיקט כסדר אריין מיסלס און באמבעס פון לבנון. פאריגע וואך איז אנגעקומען די נייעס אז די ציונים האבן אויפגעריסן טויזנטער ביפערס פון די כיזבאלא קעמפער (וואס זיי האבן געניצט כדי נישט צו דארפן ניצן סעלפאונס וואס מדינת ישראל קען זיי נאכגיין), פון וואס צענדליגע זענען געשטארבן, הונדערטער זענען קריטיש, און טויזנטער זענען פארוואונדעט. אזוי אויך האט א טאג נאכדעם אויפגעריסן ראדיאס און נאך געוויסע מאשינקעס.

שוין זיבעציג יאר וואס די עירוב רב זענען ארויס אין א מלחמה על ה' ועל משיחו, זיי זענען געגאנגען מיט טעראר און ארויסגעטריבן די בריטן פון ארץ ישראל, און דערנאך זיך דערקלערט ככל הגוים בית ישראל, אידן זאלן זיין א פאלק ווי אלע פעלקער, רחמנא ליצלן.

ווי דער פסוק זאגט אונז שוין "ויאמר משה, למה זה אתם עברים את פי ה' והוא לא תצלח", מען קען נישט גיין קעגן רצון ה', און טראץ זייערע פילע אזוי גערופענע הצלחות און מלחמות איז דארט ליידער קיינמאל שטיל, זיי גייען אן מיט'ן מלחמה קעגן די תורה בכלל, יעדן טאג זענען זיי גוזר פרישע גזירות קעגן ערליכע אידן, והעולה על כולנה דער יעצטיגער שווערער מצב מיט די גזירות הגיוס, ווען זיי ווילן אריינשלעפן יעדן איד אין זייער כפירה מיליטער, און אזוי ליידן זיך אידישע קינדער אפ פון זיי יעדן טאג, ליידער פאלן כסדר קרבנות ברוחניות ובגשמיות, בפרט ווען פאראנגאנגענעם שמחת תורה זענען זיי געווען בלינד, שטום, און געלעמט און עס זענען אויסגע'שחט'ן געווארן ליידער הונדערטער אידן מיט אלע מיתות משונות הי"ד.

יעדע גוי האט פיינט א איד, אבער אויך ליידן מיר זיך ליידער צוזאם פון דער שנאת עם הארץ לתלמוד חכם, וואס ווילן אונז פארלענדן ברוחניות, וגדול המחטיאו יותר מן ההרגו.

וואס קענען מיר ארויסנעמען פון דעם פאסירונג, אז די כיזבאלא קעמפער האבן זיך איינגערעדט אז זיי האבן א באהאלטענע כלי מיט וואס זיי שפירן זיך פארזיכערט, קיינער ווייסט נישט דערפון. די זעלבע וואס דער יצר הרע פרובירט אונז איינרעדן, א מענטש מיינט אז ער האט א כלי מיט וואס מען קען זען שלעכטע זאכן, און קיינער ווייסט נישט דערפון, ער באהאלט זיך אין אן אפיס, אבער דער אייבערשטער זעט, דער אייבערשטער ווייסט, און דער כלי קען נאך איין טאג רחמנא ליצלן אויפרייסן. דער רבי זאגט, אדער א נסיון אדער א בזיון.

ווי געוויסע באריכטן געבן אהער, האט מדינת ישראל באוויזן אהערצושטעלן פאלשע קאמפאניס צו פראדוצירן די ביפערס און ראדיאס וואס כיזבאללא האט אפגעקויפט, אנדעם וואס זיי זאלן וויסן אז עס איז אריינגעשטעלט געווארן דערין אויפרייס מאטעריאל.

יעצט אין די הייליגע טעג דארפן מיר זיך פארנעמען ארויסצוווארפן אלע כלים וואס קענען אויפרייסן, און זיך פארנעמען זיך צו היטן די אויגן, נישט קוקן אויף קיין דיווייסעס וואס מען קען זיך דערמיט פארבינדן צו נישט גוטע פלעצער, כלים וואס מען קען זען דערויף שלעכטע זאכן.

פאר א טיפערע אנאליז איבער די אזויגערופענע אידישע מדינה ליינט די וואך ביים צום פינטל רובריק

**איך רייס מיך צום אייבערשטן!**



# וויאזוי ארבעט קרעדיט קארד?

**שאלה**

*וויאזוי צאלט מען מיט א קרעדיט קארד? וויאזוי ארבעט עס אז מען גיט א "סווייפ" און דער ארבעטער איז באצאלט?*

*ר. ג.*

**ענטפער**

מען קען באמת באציבערט ווערן, איך קויף איין א גרויסע וואגן פון פראדוקטן פון שענסטן און בעסטן, עס קומט צו רעכענען, אפס, דער בערזל איז ליידיג, נישט קיין פראבלעם, מען נעמט ארויס א בליטשקעדיגע פלאסטישער קארטל, מען געבט עס א וויש אריין אינעם מאשין, און דער געשעפט באפרייט דיין ארדער, קענסט עס אהיים נעמען. עפעס א כישוף קארד, א געלט בוים.

אבער ניין, עס איז בכלל נישט אזוי גלאציג ווי עס זעט אויס, דער קליינער אומשולדיגער קארטל האט שוין אריינגעלייגט זייער אסאך מענטשן אין שווערע חובות, פון וואס זיי זעען נישט קיין וועג ארויס, זיי זענען באגייסטערט געווארן פון די רייצענדע בריוו פון די קרעדיט פירמעס, מען זאל נאר נוצן זייערע קארטלעך, און זיי וועלן געבן ריוואַרדס - מתנות פאר יעדן דאלער וואס מען געבט אויס. "וועסט קענען גיין אויף וואקאציע אומזיסט", שרייען זיי.

וויאזוי ארבעט עס? די פירמעס שאצן אפ די קאסטומערס ווי שטארק מען קען זיי געטרויען, און לויט דעם באשטימען זיי וויפיל "קרעדיט" (סכום וויפיל זיי מעגן בארגן) זיי געבן, נאכדעם שיקן זיי ארויס א קארטל מיט א נומער, יעדע קארטל האט אן אנדערע נומער, אזוי ווייסן זיי ווער עס נוצט עס, און ווען מען "באצאלט" דערמיט אין געשעפט, שיקט דער מאשינקע אריין צום פירמע, אז דער קארטל האט "געקויפט" פאר דער און דער סכום. און פאקטיש האט מען יעצט "געבארגט" דעם סכום פונעם קרעדיט קארד פירמע.

דערוויייל איז נאך אלעס גלאנציג, ער קויפט אלעס וואס גלוסט זיך אים, און ער דארף נישט ארויסנעמען א פעני פון טאש. אבער אלעס קומט צו א האסטיגע אפשטעל סוף חודש ווען עס קומט אן דער ביל, דער חשבון, יעדע זאך וואס ער האט איינגעקויפט איז אויפגעשריבן פונקטליך וואו ער האט עס געקויפט, ווען ער האט עס געקויפט, און וויפיל געלט ער האט געבארגט, און אונטן איז דא א גרויסע נומער, א סך הכל, וויפיל געלט ער האט געבארגט דעם חודש. און אויב האט מען נישט צו באצאלן, "נישט קיין פראבלעם, פאר דעם זענען מיר דא", זאגן די "גוטהארציגע" קרעדיט פירמעס, "צאל יעצט וויפיל דו קענסט, אויף די איבעריגע חוב וועסטו באצאלן ריבית". דאס איז א ריזיגע נעץ וואס כאפט אריין טויזנטער מענטשן אין חובות. דאס איז אויסער די גרויסע ריזיקע אז מענטשן שפירן נישט ווי זיי געבן אויס געלט בשעת'ן קויפן, און מען קויפט זיך מער ווי מען קען זיך באמת ערלויבן, און דערנאך דארף מען באצאלן גרויסע אינטערעסט שטראפן פאר די פירמעס, וואס מאכן א לעבן אויף די אומשולדיגע מענטשן.

דער ראש ישיבה שליט"א בעט אלץ אז מען זאל זייער אכטונג געבן פון קרעדיט קארדס, ווייל דער רבי האט געזאגט אז מען דארף זייער אכטונג געבן פון חובות, חובות נעמט אוועק דער ישוב הדעת פון א מענטש, מען קען נישט לערנען, מען קען נישט דאווענען, און מען קען נישט פירן א שטוב. עס נעמט אוועק דער קאפ פונעם מענטש.

דערפאר דארף מען זיך זייער אכטונג געבן דערפון, און פרעגן אן ערליכער איד צי עס איז כדאי זיך אריינצולאזן אין דעם.

**אלא תורה ומעשים טובים בלבד!**



# צום פינטל

## למען פון וועגן

איך האב נישט געהערט וואס דו האסט געזאגט? וואס האסטו געזאגט? לאומאן פיל וועגן? האסט דאך זייער גוט געהערט... למען פון וועגן. נישט אזוי טייטש מען אין חדר? סאיז טאקע א לשון נופל על לשון - לאומאן פיל וועגן, אזויפיל וועגן און שטעגן ביז מען דערזעט זיך אין אומאן, וועגן וואס טאקע? (סתם אזוי וואלט איך געשריבן פארוואס טאקע, אבער עס איז ווייטער לשון נופל על לשון, וועגן וואס אזופיל וועגן אומאן... שוין, באלד מיט דיינע הקדמות און תורה'ס, ביי תורה איז אויך אזוי, א ליידיגייער האט אמאל געטייטש דרכיה - דאס רעדן וועגן די תורה, מסדר זיין ווי מ'גייט לערנען, וואס מ'גייט לערנען ווען מ'גייט לערנען און ארומרעדן שיינע ענינים וועגן תורה - דרכי נועם זענען זיסע וועגן, אבער אויף דעם זאגן דאך שוין די אוקריינער ימח שמם וזכרם 'זיס נאו'!

איז נחזור לענינינו, דו ווילסט א שארפע א געדרייטע? נו נו דא האסטו, דו ווערסטאך אזוי עסטוזיאסטיש פון די נצחונות פון מדינת ישראל, איך בין דיר נאך שולדיג פון ווען זיי (אנאכנא זאגן זיי) האבן אוועקגעלייגט אזוי שיין דעם איסמאעל הניא, און דערנאך די סוקסעספולע אטענטאט אויף די צווייט העכסט ראנגיגער פירער פון חיזבאללה"ה, און דאס אפווישן די איראנער ארסענאל הארט פארן געשאסן ווערן, און די ביפער אטאקע, וואף... דאס קען נאר א אידישע קאפ. דערנאך ווען יעדן טאג האבן אנדערע חפצים אנגעהויבן אויפרייסן אין לבנון, און דו שטייסט מיט דיין קליקע און טראכסט מיט אזא ערנסטע מינע אויפן פנים, וואס איז טאאקע פשט, וואס איז די מעשה, די ערליכע אידן האבן נישט פארגעסן די פילע נצחונות פון מדינת ישראל, פארוואס האבן זיי נישט געגארט פאר די מדינה, פארוואס האבן זיי דאס אזוי שרעקליך פארדאמט, פארוואס האבן זיי געזאגט אז די אלע צרות וואס קומען פאר אידישע קינדער איז פון מדינת ישראל?

דא קומט טאקע ארייין די מעשה וואס מיר האבן געשמועסט פון דעם עושר וואס האט געטיילט מיט אזא ברייטהארציגקייט פיצא פאר אלמנות און יתומים, אוי אזא לב טוב, אזא וואוילער, קענסט די מעשה... קענסט טאאקע נישט די מעשה? אדער דו שפילסט תמ'עוואטע? איך וועל דיר עס סייווי איבערזאגן אפילו דו קענסט עס.

גאר בקיצור ווייל דער עולם יאגט זיך:

קיינער ווייסט נישט וואס, ווען און ווי אזוי דער איז רייך געווארן איבערנאכט, און ווי אזוי עס זענען אין די זעלבע צייט געווארן אזוי פיל אלמנות און יתומים, איין זאך האט מען געוויסט אז עס איז דא צו עסן ברייט און גוט, ער האט געהאט פיצא צום טיילן אלעמאל גרייט, אויפן דאך פונעם בנין, מען האט פשוט צוגעמאכט די אויגן ווייל קיינער האט נישט געוויסט, און די וואס האבן יא געוויסט האבן נישט געוואלט אז מען זאל וויסן אז דער עושר האט באראבעוועט געלט פון די טאטע'ס פון די יתומים, די מענער פון די אלמנות און דערנאך זיי אונטערגעצינדן און אויף יענעם פייער שטייט ער מיט אזא צהלת פנים און בייגט זיך ארונטער מיט אזא זיסע האניג'דיגער שמייכל געמישט מיט מיטלייד, "אוי שעפעלע דו קליינער יתום, דו האסטאך נישט קיין טאטע, קום שעפעלע, עס, ביטע עס צו די זעט, אוי נשמה'לע, עס, דו גייסט דאך אויס פאר הונגער, קום, די פייער ברענט סיי ווי, קום נעם פון די פיינע געשמאקע פיצא. אוי דארט שלעפט זי זיך אזוי אומפאבארעט מיט אירע שעפעלעך, לאמיר איר אנגרייטן פאר די אלמנה דארטן א גאנצע רעדל (פיי בלע"ז)" מיט א מינע פון זארג און רחמנות שענקט ער דאס לעבן פאר די צובראכענע אלמנה, פאר אירע צובראכענע צושאסענע יתומים'לעך, אוי וואסערע געלונגענע ארגאנאזאציע ער האט געעפענט, אוי נאך א מזל אז ער האט דאס געעפענט, ווער וואלט דען געגעבן צו עסן פאר די הונגעריגע זיי

וואלטן דאך אלע אויסגעשטארבן... אזוי טיילט ער פיינע פרישע פיצא וואס באקט זיך אויף זייערע פארברענטע עלטערן, די אלמנות זעטיגן זיך מיט די פיינע ווארעמע פארציעס וואס באקן זיך און ווארימען זיך אויף זייערע פארברענטע מענער.

דאס איז א שוידער פון א מעשה, עס איז זייער שארף, כדרכינו אז מיר נעמען זייער א שארפע ליניע, אבער עס איז א גוטער קאמפוס צו מעסטן א זאך אויב מען קען עס בא'וואויל'יטשקן, ווען איך הער פשי הא אויף דעם ברסלב'ער ... טראכט איך צו מיר, איך מאך נישט אוועק זיין תורה, זיינע השפעות, זיינע ענינים און זיינע אויפטואונגען, אבער ווען נישט אים וואלט דאך נישט געווען די אלע פראבלעמען, דו האסטאך אנגעמאכט דעם פראבלעם, דו האסטאך פארזינקען דעם שיף וואס מוהרא"ש האט ארויסגעשיקט צו ראטעווען די פליטים.

דו האסט געמאכט מיט די האנט אזוי נע, אודאי זייערע אייניקלעך וויסן שוין היינט פון גארנישט אבער ווען דו וואלסט געלאזט זייערע טאטעס און זיידעס קוקן אין די קונטרסים וואלטן זיי נישט געווען קיין קינדער וואס מ'דארף היינט מחזק זיין. אזוי איז יעדע זאך, מען דארף מעסטן און וועגן בעפאר מען טוט ארויסהייבן דעם רשע'ס מעלה, ווען דו זעסט אים אריינברענגען א פעט פריש גע'שחט'ענעם שטיקל בשר, דארפסטו אויך געדענקען צו קוקן וועמען ער האט אלץ גע'הרג'עט אויפן וועג מיטן שוחט מעסער.

ווען דו טראכסט פון נצחונות, דארפסטו אויך טראכטן פון די פיינטשאפט צו אידן פון די אלע וואס האבן אזוי געשטרעבט צו האבן אן אייגן לאנד, און אויפגערייצט די גאנצע וועלט קעגן אידן, פשוט אז עס זאל נישט זיין קיין ברירה נאר מען זאל מוזן אנטלויפן קיין ארץ ישראל. לדוגמה ווען סטיוון ווייז דער יד ימינו פון פרעזידענט רוזוועלט פון די פאראייניגטע שטאטן איז געזיצן על סיר הבשר אין אמעריקע און ארגאניזירט א פראטעסט קעגן היטלער ימ"ש ווייל ער איז געווען אין א פארזיכערטע פלאץ, פון דארט האט ער אויפגערייצט דעם בלוטיגער הונט פאר די רציחות וואס ער האט דורכגעפירט אויף אונזערע זיידעס, אוודאי יעצט ווען מיר זענען שוין יתומים זענען זיי דא מיט אזא רחמנות און געבן אונז נצחונות, קיינער לייקנט נישט אז די נצחונות זענען נצחונות, קיינער לייקנט נישט אז פארן אוועקלייגן יעדעם איינעם פון די רשעי ישמעאל וועלן נעבעך ארויסוואקסן נאך און נאך מערדער, זייערע קינדער שרצים לרוב וואס וועלן ווילן נקמה נעמען און נאר דער אייבערשטער קען היטן און ער היט אונז פון די אויפגערייצטע אראבער.

אודאי האבן זיי געטון א גוטע זאך מיטן אוועקלייגן די אלע פירער פון די טערארער צעלן אבער פארוואס, פארוואס און פארוועם, ווער האט זיי געמאכט פאר טעראריסטן, ווער האט אונז איינגעשפארט אין די תפיסה מדינת ישראל וואס איז ארומגענומען מיט לייבן פון אלע זייטן וואס זענען גרייט אונז צו צורייסן אויף שטיקער, ווער האט אונז אויסגעלייזט, געראטעוועט אונזער לעבן פון א "באלדיגע" אטאקע וואס אראבער האבן געוואלט אויספירן אויף אידישע קינדער, יתומים וואס מען האט אויף זיי אנגערייצט די הונט.

וואס איז געווען ביז יעצט? ווער האט אונז געהיטן פון די אראבער וואס האבן אונז נישט געוואלט הרגענען פאר הונדערט יאר צוריק, ווי זענען זיי געווען די צה"ל דאן? מיר האבן זיי נישט געדארפט דעמאלט האבן ווייל זיי האבן נאכנישט פארברענט אונזערע עלטערן, מיר האבן געהאט אלעס וואס מיר האבן געדארפט, ווי איז דער עושר געווען פאר ער האט אונטערגעצינדן די אלע מענטשן, פון ווי האבן די אלמנות געהאט צו עסן, זיי האבן געגעסן פון דאס וואס דו האסטיך אנגעפאקט די טאשן.



יעצט קען מען טאקע דן זיין אויב איך זאל ענדערש שטארבן פאר הונגער אדער עסן מאכלים וואס מען האט געהייצט מיט מיין טאטנס רציחה, אודאי, יא נצחון, נישט נצחון, פיין! טאקע געלונגענע אקציע! אבער אויף וועמענ'ס בלוט? פארשטייסט? מען קען דן זיין צו איך זאל מיך מיטפרייען אדער איך זאל ענדערש ווילן געדענקען ווער האט אויפגעהעצט די מיטל מזרח, אויב דו ווילסט קענסטו דיך איינטינקען די קאפ ווי די בת היענה, אבער פאקט בלייבט פאקט, די פיצא איז געבאקן געווארן אויף דיר.

פרעגסטו מיר יעצט, למעשה וואס האט עס מיט מיר, מיר זענען היינט אלע יתומים, איך ווייס נישט אויב עס איז דא איינער היינט וואס געדענקט, וואס ווייסט וואס די מדינה איז און פארוואס עס האט אויסגעפעלט, סיי מיר און די וואס זאגן אנאכנא און סיי די צה"ל און די סאלדאטקעס דארטן, און די ראשי ממשלה זענען אלע קרבנות נעבעך פון די שנאת ישראל וואס הערצל וחבריו האבן אנגעזייט מיט הונדערט פופציג יאר צוריק, אה אקעי ווילסט נישט, מוזט נישט, ליין אביסל זיין טאג בוך וועסטו זען ווי ער רחמנא ליצלן גיסט פעך און שוועבל אויף אונז, אז מיר זענען שולדיג אויף אלעס. דאס האט ער געשריבן אין זיינע צייטונגען וואס זענען געליינט געווארן דורך די עליטע דייטשע ערען פאלק, און זיינע פארשאלטענע ווערטער האט דער פירער היטלער ימ"ש נאכגעזאגט, די מדינה איז נאר געווען די צווייטע אפציע, נאכדעם וואס זיין אריגינאלע פלאן פון פשוט מאכן כלל ישראל פאר קריסטן איז געווארן אויס עס האט זיך נישט אויסגעארבעט האבן זיי

גענומען כלל ישראל אין אריינגעשטעלט אין א גרויסע תפיסה.

(דו שעמסטיך דערמיט, אבער ער האט געהאלטן אז ביז א דור צוויי וועט סיי ווי נישט זיין קיין אידן, האט ער זיך נישט געשעמט עס צו שרייבן אין זיין טאג בוך, אדרבה ניתי ספר וניחזי) צו דזשאבאטינסקי (אויך פון די ארויפגעקוקטע ביי דיר פון די גרינדער פון אונזער הצלה לאנד...) וואס האט געזאגט אז די אידן אין אייראפע זענען א שמוציג עקלהאפטיגע פאלק עפ"ל, און איך גיי נישט אויסרעכענען אלע זייערע גיפטיגע שאנד ווערטער וואס זיי האבן געניצט מיט אזא שנאה צו אונזערע הייליגע רבי'ס.

איז ווייטער נצחונות? אוודאי!! ווען יעדן טאג ווערן גע'הרג'עט אידישע קינדער זייט מען האט "אונז געראטעוועט" און אונז געגעבן שטארקע גרעניצן, א שטארקע מיליטער וואס זאל אונז אפהיטן פון די שונאים וואס זיי האבן אונז געשאנקן.



דאס איז אלס א הכנה צום ראש השנה.
דער רבי האט געזאגט מען קען קנייטשן אין זיין ספר ווי אזוי מען וויל. צו זאגן טעמים פארוואס דער רבי וויל ליגן אין אומאן איז נישט שייך אבער על פי אפשר קען זיין, ווען מען קומט דן זיין אידישע קינדער, דער רבי זאגט לייגט מיך צווישן די דרייסיג טויזנט קדושים וואס ליגן אויפן בארג פון אומאן, ווען די מקטריגים קומען וועל איך מיך נאר דארפן געבן א דריי אויס און ווייזן "קוקט ווי איך ליג, איך ליג אין לימודי זכות אויף אידן, ווער וויל מקטרג זיין אויף אידן? קום נאר, איך וויל דיר קוקן אין די אויגן, נו? וואס זאגסטו? אידן זענען... וואס? העלאו! קוק וואס אידן האבן מיטגעמאכט אין דעם גלות, קוק די קדושים וואס ליגן דא ארום."

יעצט מיט די וועגן וואס פירן קיין אומאן, מיר ברענגען מיט מיט זיך די וועגן צום ציון, ווען מיר טרעטן אראפ ביים ציון הקדוש, זאגן מיר: "רבי דו ווייסט פון ווי מיר קומען יעצט? מיר האבן דיר מיטגעברענגט אונגארן, לעמבערג, רומעניע, אקריינא פון איין עק ביזן צווייטן, טויזנטער מאסן קברים, מיר ברענגען דיר רבי די גאנצע בלוט דורכגעווייקטע אייראפעאישע ערד, יא מיר האבן זיך געשלעפט מיט זעק און פעק, מיט אונזערע קינדער, אויף די זעלבע וועגן ווי מען האט אונז געפירט ווינציגער פון אכציג יאר צוריק, יא! רבי זוכסט זכותים נא! נעם צו, דא האסטו רבי" יא אויף דעם ווארט דער רבי, אבער נישט נאר דאס, נאר און כמעט אלע דערפער און שטעט ווי מיר זענען פארביי געפארן האט מען נעבעך מיט געוואלד פארכאפט יודישע קינדער, אוועקגעריסן קעגן זייער ווילן פון זייער עלטערנ'ס שויס.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען מען האט מיט געוואלד אוועקגעריסן אידישע קינדער פון זייערע עלטערן מען האט זיי געריסן צו השכלה, די משכילים האבן מיט כל מיני טריק'ס אונטערגעקויפט אונזערע קינדער, און זיי מיט געוואלד אוועקגעשלעפט פון דיר רבונו של עולם.

נו ווי איז דא א גרעסערע זכות אויף אידן ווי דאס צו טענה'ן, די מקטרגים שרייען "קוק ווי אזוי דיין פאלק קוקט אויס," ווער זענען מיר, מיר זענען דאך אייניקלעך פון פארכאפטע, צו האבן מיר דען באשטעלט די משכילים? זיי האבן דאך אוועקגעריסן אונזערע קינדער, מיר זענען דאך געזיצן שבעה אויף זיי, נו קומט אונז א שטראף אויפן שטראף?

געענדיגט מיט די גזירה, איז עס אריבער צו די שרעקליכסטע גלות מען האט געכאפט אידישע קינדער צו קאנטאניסטן, מען האט מיט צוואנג אויסגע'שמד'ט אידישע קינדער.

נו, וואס איז די טענה וואס זיי האבן אויף אונז כלל ישראל (דיסקלעימער: כלל ישראל איז נישט פון קענט עוועניו ביז העיווארד סטריט, איך רעד פון כלל ישראל, נישט נאר פון טראמפ שטיצער...)

יא רבי, מיר קומען פון די שטעט שטעטלעך און דערפער ווי עס האט געפלאקערט שרעקליכע שנאת ישראל, וואס האט געשפילט א שטארקע פאקטאר אינעם פארוואשן כלל ישראל, און מאכן אידישע קינדער אויסזען ווי זיי זענען נעבעך אויס.

השכלה, קאנטאניסטן, פאגראמען, דערנאך האט זיך אנגעהויבן ציוניזים, קאמוניזים, בונדיסטן, די הונדערטער ארגאניזאציעס וואס האבן אוועקגעריסן כמעט גאנץ כלל ישראל פון אידישקייט, עלטערן זענען געשטאנען און צוגעקוקט ווי מען פארקויפט זייערע זון און טעכטער פאר די עבודה זרה פון ציוניזים און קאמוניזם, און זיך געביסן די ליפן, זיי האבן גארנישט געקענט טון.

רבונו של עולם, די מקטריגים פרעגן פארוואס מיר קוקן אזוי אויס, איז עס בכלל מעגליך געווען אז מיר זאלן אנדערש אויסקוקן?! מיר האבן געכאפט ביי ואני... נאכאמאל געכאפט ביי משפטים... שיעור נישט געכאפט אינדערהיים נאך איינס אזאנס אוי וויי...! עס דערמאנט מיך די מעשה וואס גרשון קרעמער האט דא געשריבן נישט לאנג צוריק, די אלמנה וואס מען האט צוכאפט אירע עפעלעך וואס זי האט פארקויפט, זי האט זייער געוויינט, טייערע אלמנה יעצט איז נישט קיין צייט צו וויינען יעדער כאפט, כאפ דו אויך, מען האט געכאפט אונזערע קינדער ביי השכלה, ביי קאנטאניסטן, ביי פאגראמען אין אוקריינא, און פוילן, מען האט נאכאמאל געכאפט ביי ציוניזים, ביי קאמוניזים, יעצט וויל מען אונז ווייטער

פארכאפן די גאנצע דור אין טעכנאלאגיע, מיר שטייען און בייסן זיך די ליפן צוקוקנדיג יעדן טאג ווי מען כאפט אוועק אונזערע טייערע קינדער, מיר האבן דען באשטעלט די אלע פארגעשריטענע כלים וואס פירן אונז אין שאול תחתית? מיר האבן דען געבעטן אז מיר דארפן אינטערנעט? מיר פאלן חלשות, מען פארכאפט אונז שוין שיעור נישט נאכאמאל, רבונו של עולם עס איז נישט קיין צייט צו וויינען, אז יעדער כאפט רבונו של עולם כאפ דו אויך, וועסטו זען מיר וועלן לויפן צו דיר אויף אלע פיר, משכינו אחריך נרוצה נרוצה...
(נו מיטן ניגון פון קארלסבורג'ער רב שליט"א)

איז פארוואס שלעפן מיר זיך אויף די וועגן קיין אומאן טאקע וועגן דעם! מיר שלעפן מיט מיליאנען לימודי זכות לקראת ראש השנה, מיר ברענגען צום גרויסן לויער וועגן און שטעגן, באנען און באסעס, חובות, פעקלעך, שלעפן פון מדינה צו מדינה, יא מיר ברענגען מיט די אלע פלעצער וואס מען האט אונז פארטיליגט, מיר ברענגען מיט זעק מיט צרות, רדיפות, שמדיות, גזירות, אז ווען דער מקטרג וועט זיך נאר וועלן עפענען דאס מויל און זאגן איין ווארט וועלן מיר גארנישט דארפן זאגן נאר וויזן ביים רבי'נס ציון "קוק אויף די וועגן פון ווי מיר קומען, דו פרעגסט פארוואס מיר קוקן אזוי אויס, דו תירוץ איז, קוק די מאפע, קוק גוט אריין אינטער דיך אביסל טראכט אביסל וועסטו זען אז אאאלעע אלע אלע אידישע קינדער וואס מען וויל דן זיין ווי ווייט, ווי טיף, ווי להכעיס, ווי שלעכט, אלעס האט א סיבה, גארנישט איז פאר גארנישט.

דאס גייען מיר טענה'ן פון יעצט ביז ווען מיר וועלן אויספייטן די נארישע קיטרוגים אויף כלל ישראל. זאג אידן זענען גוט, אידן זענען וואויל, באשעפער, טאטע זיסער, יעדע זאך האט א סיבה, הער נישט אויס די מקטריגים, דער ווייטסער איד האט א גאנצע בוך ווי אזוי ער איז אנגעקומען ווי ער איז, און אז דו ווילסט קענסטו אונז אויסלייזן, אבער שלעכט פאר אידן פארוואס? מיר זענען אלע יתמי דיתמי, מיר זענען גלגולים פון גלגולים פון גלגולים פונעם גלות.

יא יא די אלע וואס פאלן היינט נעבער אין גאזא אין ישראל אין לעבענאן, צוזאמען מיט זייערע ראמאטכאלים איך וויים נישט ווי אזוי זיי הייסן, אלע זענען נעבער א פראדוקט פון אינטריגעס וואס די מקטריגים אליין האבן אונטער געשטעלט, היי יאר וועט מער נישט זיין קיין רציחות ווייל מיר גייען אויסבעטן ביים רבי'ן אז אלעס זאל זיך צוריקדרייען.

למעשה, דער טראמפ איז נישט אנגעקומען אויף וויליאמסברוג, געלויבט גאט, נאר דאס האט אונז אויסגעפעלט, מילא א **פארזוך** פון די טשיקן זופ מיט א פיינע קניידל ביי גאטליעב, שוין... וועט שוין מיטגיין... אבער אן אטענטאנט **פארזוך** אין וויליאמסבורג... א קניידל אין אויער... נא נישט דו בעסטע רעפוטאציע פאר אונז וויליאמסבורגער.

א גוט געבענטש יאר וואונטשט די צום פינטל אפיס פאר אלע וואס זענען אנגעקומען צו ליינען ביז אהער, און פאר גאנץ כלל ישראל.





# מעשיות פון תפילה

## יואל משה פליישמאן

קרית ברסלב

פאראיאר בין איך געפארן קיין אומאן ראש השנה מיט ר' יואל פארקאש, מיר זענען געפארן דורך מאלדאווע, און פון דארט האט מען גענומען א גרויסע מיני ווען צוזאמען קיין אומאן, ביים גרעניץ האט מען צאמגענומען אלע פאספארטן פון מיין משפחה און זיין משפחה צוזאמען און אזוי האט מען עס איבערגעגעבן פאר די בארדער פאטראל. ברוך השם אלעס איז אדורך פיין.

אויפן וועג אהיים נאך ראש השנה בין איך צוריק געפארן מיטן אן עקסטערע קאר פון אים, אזוי אינמיטן פארן צום גרעניץ, רופט מיך ר' יואל אז ער איז יעצט דורך די גרעניץ און ער זעט ביי זיך אז ער האט צוויי פאספארטן פון מיינע קינדער, ער זאגט אז זיי האבן גארנישט אויפגעכאפט, און אלעס איז אדורך ביי אים בשלום.

איך געב א קוק ביי מיר זע איך אז איך האב צוויי פאספארטן פון זיינע קינדער, איך האב מיך גוט דערשראקן אויב ביי מיר וועט זיין פראבלעמען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל אדורכגיין בשלום, ביים גרעניץ ארויס פון אוקריינא איז אלעס אדורך פיין ברוך השם, ביים גרעניץ פון מאלדאווא, האבן זיי אנגעהויבן צו קוקן אהין און צוריק, שכח אייבערשטער אז נאכן אינטערזיכן האבן זיי עס אדורכגעלאזט אן קיין פראבלעמען, ממש ניסים ונפלאות.

## זאב סרולאוויטש

קרית ברסלב

שכח אייבערשטער אז נאך אזויפיל תפילות וואס איך האב געבעטן א לאנגע צייט האב איך זיך אריבערגעצויגן קיין קרית ברסלב ליבערטי.

ווען איך האב געמופט האט זיך צובראכן אפאר זאכן פונעם

# מעשיות פון תפילה

אלטן דירה, איך האב נישט געוויסט אויב איך דארף דאס פאררעכטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל דאס נישט דארפן באצאלן, נאכדעם וואס איז דא אזויפיל הוצאות פון מופן, איך האב גערעדט צום לענדלארד, האט ער מיר געזאגט אז ער וועט דאס פאררעכטן, כך הוה, ער האט געשיקט א פלאמבער צו פאררעכטן ברוך השם.

איך האב געדארפט מאכן די אינספעקשן אויף די קאר, איך בין געווען ביי פיר מעקעניק'ס אבער יעדער דרייט זיך עפעס ארויס פון דאס מאכן צוליב דעם וואס זיי מאכן נישט צופיל געלט דערפון. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן איינער וואס זאל מיר עס מאכן.

ברוך השם ביים פיפטן מעקעניק האט ער דאס געמאכט איינס צוויי.

## אהרן גאלדשטיין

טברי'

פאריגע יאר אין אומאן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז קומענדיג יאר וויל איך פארן רואיגערהייט אן קיין חובות און אן בארגן פון מענטשן.

איין טאג אינמיטן גיין הפצה האב איך געטראפן איינעם (נישט קיין פרומער בכלל) און ער פרעגט מיר אויב איך האב שוין א טיקעט קיין אומאן, האב איך אים געזאגט אז נישט, ער האט גענומען מיין טעלעפאן נומער.

שפעטער רופט ער מיר אז ער וויל מיר צאלן די טיקעט קיין אומאן, ער גייט שיקן די געלט פארן טרעוועל אגענט. איך האב מיך שוין געפריידט צו די מעשה פון תפילה, איך האב עס שוין אפילו פארציילט פאר חברים.

למעשה האט אויסגעזען אז ער האט חרטה געהאט פונעם געשעפט, ער האט נישט געשיקט קיין געלט, איך האב אים גערופן פרעגן אויב ער פלאנט נאך צו שיקן, האט ער געזאגט אז יא, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן צו האבן א טיקעט אן קיין חובות, איך ווייס נישט ווער ס'דארף זיין די גוטע שליח.

צום סוף נאך א שטיק צייט האט ער אריינגעשיקט די געלט פאר די טיקעט און מיר באצאלט ברוך השם די גאנצע זאך. איך האב אים גערופן זאגן א גרויסן שכח האט ער מיר געזאגט אז ס'איז נישט ער, ס'איז א צווייטער וואס האט געגעבן די געלט. ער האט פרובירט ארויפצולייגן דעם אנדערן אויפן טעלעפאן, אבער יענער האט קיינמאל נישט אויפגעהויבן.

זעט זיך אויס אז דאס איז געווען עפעס א מלאך פון הימל וואס איז געווען די גוטע שליח פאר מיר.

## יואל משה מייזעלס

קרית ברסלב

איך האב געדארפט מאכן אינספעקשאן פאר מיין קאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן א גוטע פלאץ וואו דאס צו מאכן, און אויך ס'זאל גיין געשמירט און געשמאק.

אויפן וועג בין איך דורכגעפארן א מעקעניק, איך האב אים גערופן אויב ער מאכט אינספעקשאן, זאגט ער אז יא, ברוך השם ער האט געמאכט די אינספעקשאן.

אינמיטן די ארבעט האט ער מיר געוויזן אויפן מיינע רעדערר אז מ'דארף האבן נייע ווייל די אלטע איז שוין זייער אויסגעניצט.

ברוך השם אז ער האט מיר געקענט באשטעלן נייע, און ס'האט נישט גענומען לאנג ס'זאל אנקומען, און שכח אייבערשטער איך האב געהאט די געלט דערפאר.

## שמואל אייכנשטיין

קרית ברסלב

ברוך השם איך האב די זכי' צו ארבעטן פאר מכון עצתו אמונה, איינע פון די זאכן וואס איך טו איז פאנדרעיזינג. איך האב געבעטן א אינגערמאן צדקה פאר עצתו אמונה, האט ער מיר געזאגט אז ער האט נישט יעצט קיין דזשאב, האב איך אים געזאגט אז מ'העלפט מיטן ארויסגעבן עצתו אמונה זעט מען געוואלדיגע ישועות, האט ער מיר געגעבן א דעפאזיט פון $100.

איך האב געבעטן פאר אים ער זאל טרעפן א פיינעם דזשאב, ברוך השם אפאר טעג שפעטער האט ער אנגעהויבן א פיינע גוטן דזשאב.

# פנינים

## מ'דארף בעטן

א

"אז ס'איז ברוך ה' - איז ברוך ה'..." דעם אויסדרוק האבן מיר שוין אסאך מאל געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א, (בפרט לעצטנס האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם ענין ביי די מסיבת הכרת הטוב ראש חודש אלול, פאר די וואס העלפן ארויס מיטן באצאלן די חשוב'ע כולל אינגעלייט, און דעם פארלאפענעם ליל שישי שיעור, פרשת כי תבוא), ווי צו זאגן, אז דער צדיק וואס קען דיר העלפן פרעגט זיך נאך ביי דיר וואס טוט זיך און דער ענטפער איז: "ברוך ה'", אנשטאט בעטן דעם צדיק אן עצה און הדרכה, און צומאל א ברכה - דעמאלט איז דאך אלעס גוט און פיין, ברוך ה'...

ריכטיג איז - לערנט אונז דער ראש ישיבה - צו זיין אפן, אויב מ'האט א פראבלעם זאל מען דאס קומען דערציילן, און בעטן דעם צדיק - דעם דאקטער - אן עצה און א רפואה, וואס וועט היילן דעם מענטש און אים העלפן מיט די ישועה וואס ער דארף.

א אינגערמאן פון אנשי שלומינו, לאמיר אים אנרופן 'ראובן' האט א דירה אין איינע פון די היימישע געגנטער וואס ער האט פארדינגען פאר 'שמעון', 'שמעון' איז ברוך ה' אן איינשטענדיגער אינגערמאן, ער צאלט רענט די ערשטע פון יעדע חודש למספרם. עס איז געווען אפגעשמועסט, און אזוי אויך איינגעשריבן אינעם שטר שכירות, אז נאך כך וכך צייט פון ווען שמעון האט זיך איינגעצויגן אין די דירה - וועט די רענט ארויפגיין מיט הונדערט דאלער, למעשה איז אנגעקומען די חודש וואס מ'האט געדארפט ארויפגיין מיט די רענט, און ראובן זעט אז די רענט איז די זעלבע ווי א חודש און צוויי בעפאר, אן קיין הוספה....לקראת דעם נעקסטן חודש למספרם האט ראובן אנגערופן שמעון, בתוך הדברים פרעגט ער שמעון'ען, אז אינעם שטר שכירות שטייט קלאר ארויסגעשריבן אז אינעם באשטימטן דאטום וועט די רענט ארויפגיין מיט הונדערט דאלער, למעשה האט ער אים באצאלט רענט אן די העכערונג, הלמאי? ענטפערט אים שמעון: "יא יא, אמת, גערעכט, אינעם שטר שטייט אז אויב דער לענדלארד, דער משכיר - וועט וועלן, קען ער פון יענעם דאטום ארויפגיין מיט די רענט, אבער איר האט דאס נישט געבעטן, איר האט זיך אפשר פארגעסטעלט אז איך וועל פון זיך אליין ארויפגיין מיט די רענט, אבער איך האב געווארט איר זאלט דאס בעטן..."

מ'דארף בעטן....

איינער פון די גאר גרויסע און חשוב'ע תורה ריזן אין די עולם הישיבות (זייענדיג פון די הנהלה אין די באקאנטע מיר'ע ישיבה, און איז געווען מיט די ישיבה אין שאנחיי דורכאויס די צווייטע וועלט מלחמה), בפרט נאך די צווייטע וועלט מלחמה, איז געווען דער גרויסער גאון הרב ר' ארי' לייב מאלין ז"ל, ראש ישיבת בית התלמוד אין אמעריקע, וועלכער איז נפטר געווארן אין בליענדן עלטער פון 56 יאר, כ"ט טבת, שנת תשכ"ב. הרב הגאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל האט געזאגט ביי זיין הספד אויף דעם גאון אז די אמעריקאנע תורה וועלט האט מיט זיין פטירה פארלוירן דער וואס וואלט געקענט זיין דעם קומענדיגן מנהיג הדור.

דערציילט איינער פון די תלמידים אז ווען די ישיבה, בית תלמוד, האט זיך געעפנט - האבן צוויי פון זיינע חברים זיך געוואלט איינשרייבן אין די ישיבה, די בחורים האבן זיך געפינען אין די קעטסקילס אויפן זומער, און ר' לייב מאלין איז געווען באשטימט צו פארהערן די בחורים צו זען אויב זיי קענען ווערן אנגענומען אין די ישיבה.

ר' לייב האט זיך יענעם זומער געפונען אינעם צוקער האטעל, (די צוקער האטעל איז געווען א לעגענדארע זומער האטעל וואו עס האבן זיך אויפגעהאלטן אסאך גדולים וצדיקים דורכאויס די זומער וואכן, צווישן זיי הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זצ"ל (זע אויפן בילד), און נאך, די האטעל האט האלבוועגס אפגעברענט אין יאר תש"מ, און אין תשס"ג האט דאס גענצליך אפגעברענט אין א פייער וואס האט געברענט פאר 18 שעה, און מיט דעם האט זיך געשלאסן די היסטאריע פון דעם פלאץ וואס האט 60 זומערס געווירבלט מיט תורה ותפילה), די צוויי בחורים האבן געדארפט קומען צו פארן צו ר' לייב א מהלך פון צוויי שעה, נאכן גרונטליכן פארהער האט זיי ר' לייב באטראכט פאר עטליכע מינוט, ער האט זיי אנגעקוקט און גארנישט געזאגט,

יואל שניצלער

נאך עטליכע שטילע מינוט רופט ער זיך אן צו זיי: "נו, אין צווי טעג קומט צוריק".

צוויי טעג שפעטער זענען די צוויי בחורים צוריק געקומען רעדן אין לערנען מיט ר' לייב, ער האט זיי גוט פארהערט און נאכן פארהערן האט זיך איבערגעשפילט די זעלבע זאך, ר' לייב האט זיי באטראכט פאר עטליכע מינוט, ער האט זיי אנגעקוקט און גארנישט געזאגט, נאך עטליכע שטילע מינוט רופט ער זיך אן צו זיי: "נו, אין צוויי טעג קומט צוריק".

נאך צוויי טעג זענען זיי צוריק געקומען האט זיי ווידער ר' לייב גרונטליך פארהערט, שוין צום דריטן מאל... און חוזר חלילה, ער האט באטראכט די בחורים אן רעדן א ווארט... ווען ער האט שוין געהאט אויפן צינג די ווערטער: "נו, אין צוויי טעג קומט צוריק"... האט זיך איינער פון די בחורים שוין נישט געקענט איינהאלטן און זיך געגעבן א רוף אן: "האט דער ראש ישיבה אונז אנגענומען אדער נישט?"

האט זיך ר' לייב אנגערופן צו זיי: "אוודאי זענט איר אנגענומען, און איר זענט שוין געווען אנגענומען נאכן ערשטן פארהער..."

האבן זיך די צוויי בחורים זייער געוואונדערט, פארוואס ער האט זיי מטריח געווען צוריק צו קומען נאך צוויי מאל, אזא לאנגע וועג אהין און צוריק, אויב זיי זענען שוין געווען אנגענומען ביים ערשטן מאל, האט זיי ר' לייב ערקלערט: "ווייל איר האט נישט געבעטן..." (און ער האט צוגעלייגט: "און אז מ'בעט נישט - טאר מען נישט געבן").

מ'דארף בעטן....

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו:

עס איז באוויסט דעם סיפור (פעולת הצדיק, סימן ו) אז ווען דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט משדך געווען זיין תלמיד רבי נחמן הורידענקער זכר צדיק לברכה מיט די שוועסטער פון רבי יצחק דרוביטשער זכר צדיק לברכה, איז תיכף נאך די חופה דער חתן - דער צדיק רבי נחמן הורידענקער - נעלם געווארן, ביז דער בעל שם טוב האט אים אויפגעזוכט, און דער בעל שם טוב האט



אים פארגעהאלטן: "היתכן צו טון אזא זאך, איבערלאזן איינזאם א פרוי גלייך נאך די חופה?!" האט ער געענטפערט אז ער זעט ברוח הקודש אז ער וועט האבן מיט איר א קינד און תיכף ווען דאס קינד וועט געבוירן ווערן וועט זי שטארבן, "איך האב רחמנות אויף אירע יונגע יארן, דערפאר האב איך מיך באהאלטן אז זי זאל נאך קענען אביסל לעבן". ווען דער בעל שם הקדוש האט דאס געהערט האט ער איר געלאזט רופן און ער האט איר דערציילט די גאנצע מעשה, אז דער חתן האט זיך באהאלטן ווייל ער וויל נישט זי זאל אזוי יונג נפטר ווערן. האט זי געזאגט: "אויב מיין מאן איז אזוי גרויס, אז ער קען זען וואס גייט זיין, בין איך מסכים צו האבן א קינד מיט אים". אזוי איז געווען, זיי זענען אהיים געגאנגען און זי האט זוכה געווען צו א קינד, בשעת זי האט געבוירן דאס קינד האט זי זייער געוויינט און געזאגט: "רבונו של עולם, נעם מיר נישט אוועק פון דער וועלט פאר א חודש, ווייל איך וויל זען מיין קינד, און זיך מיט אים משעשע זיין אביסל", און אזוי איז טאקע געווען, זי האט געלעבט א חודש און נאכדעם איז זי נפטר געווארן.

האט רבי נחמן הורידענקער געזאגט: "א שאד זי האט נאר געבעטן צו בלייבן לעבן א חודש, ווען זי וואלט ווען געבעטן אז די גזירה זאל אינגאנצן בטל ווערן וואלט עס אינגאנצן בטל געווארן - ווייל זי האט אזוי שטארק געבעטן, מיט אזא צעבראכענע הארץ, אז זי וואלט ווען געקענט מבטל זיין די גזירה". זעט מען ווי שטארק תפילה איז, אז מען קען אלעס פועל'ן מיט תפילה, מען דארף נאר בעטן.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר זוכה זיין צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז אז אויב מ'עקשנ'ט זיך ביים רבינ'ס ציון קען מען פועל'ן, לאמיר בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זיך קענען עפענען די מויל ביים הייליגן רבינ'ס ציון, ביים גרויסן פראפעסאר וואס זאגט: "און איך הייל זי", נישט זשאלעווען קיין ווערטער, נאר דערציילן אלע פראבלעמען, אלעס וואס דרוקט ברוחניות ובגשמיות, אלע בקשות, אן קיין בושה, און בעיקר אז מיר זאלן נישט פארלירן די געפיל אין די דרשות און עצות וואד דער ראש ראש ישיבה געט אונז, און מיר וועלן בוודאי פועל'ן א שנה טובה ומתוקה, אמן.



פון
אייער
ערב יו"ט
צו
דיערע
שמחת יו"ט
די סגולה
האבן מיר
שוין פון
יארן
רופט היינט דעם
גבאי מיט אייער
ברייטהארציגע שטיצע
און זעהט ישועות
347.466.2410
יעצט אין די ערב יו"ט טעג ווען מיר
גרייטן זיך צו די הייליגע ימים טובים
לאמיר פארזיכערן א שמחת יו"ט פאר
אונזערע ארץ ישראל'דיגע ברידער.
שטיצט די הייליגע פושקע פון רבי
מאיר מיט א ברייטע האנט וועט איר
האבן אן אמת'ע שמחת יו"ט.
מוסדות
היכל הקודש
בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני



# מ'קען מיטנעמען די ווייב אין אומאן?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְס בָּחוּר אִין אוּמַאן, אוּן אוֹיךְ אַלְס חָתָן, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר פָאר אִיךְ אָבֶּער קַיין אוּמַאן וַוייל אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**מַיין וַוייבּ שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן, אָבֶּער זִי וִויל זֵייעֶר נִישְׁט אִיךְ זָאל אִיר אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין אוֹיף יוֹם טוֹב, זִי זָאגְט אַז אַדְרַבָּה מִיר זָאלְן פָארְן אִינְאֵיינֶעם, זִי וִויל זִיךְ נִישְׁט טֵיילְן פוּן מִיר. עֶס וֶועט אִיר וֵויי טוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל פָארְן אַלֵיין אוּן אִיר לָאזְן אַלֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיז שַׁיָּיךְ אַזַא זַאךְ אַז אַ פְרוֹי זָאל וֵויילְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן? אֶפְשָׁר קֶענֶען מִיר טְרֶעפְן אַ דִירָה עֶרְגֶעץ וַוייט אַרוֹיס פוּן גֶעגְנְט עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּרָאבְּלֶעם פוּן צְנִיעוּת?**

**אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן, זָאל אִיךְ אִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אָדֶער זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף יוֹם טוֹב? יְיַשֶׁר כֹּחַ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז שַׁיָּיךְ אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער עֶס וֶועט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער; זִי וֶועט דַארְפְן זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ דִי גַאנְצֶע צַייט.

אַז דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָאס "אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; דוּ וֶועסְט אִיר מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זִי דִיר זִיכֶער לָאזְן פָארְן מִיט אִיר גַאנְצֶע וִוילְן אוּן זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר; וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחֲמָנָא לִצְלָן, נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ עֶס קָאסְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט אוּן מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם לוֹיעֶר וָואס עֶר קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין וָואס: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם", מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מֶענְטְשׁ צִי עֶר וֶועט לֶעבְּן, אוּן וִוי אַזוֹי זַיין פַּרְנָסָה זָאל זַיין אוּן אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ נֶעמֶען אַ גוּטְן לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער רֶבִּי - עֶר אִיז אוּנְזֶער לוֹיעֶר, עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶערְפַאר פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "**הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל**", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "**וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֶעְדַּר**", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "**כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה**", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "**וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ**", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "**וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם**", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

נָאכְאַמָאל, עֶס אִיז שַׁיָּיךְ אַז זִי זָאל מִיט קוּמֶען מִיט דִיר, אָבֶּער עֶס וֶועט אִיר זַיין שְׁוֶוערֶער אִין אוּמַאן וֶוען זִי וֶועט זַיין אַלֵיינְס כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע צַייט; רוֹב טָאג אִיז מֶען בַּיים דַאוֶונֶען, נָאכְדֶעם לוֹיפְט מֶען צוּם צִיוּן, גְלַייךְ נָאכְדֶעם לוֹיפְט מֶען צוּ תַּשְׁלִיךְ, נָאכְדֶעם אִיז וַוייטֶער דַאוֶונֶען וְכוּ' וְכוּ'. זִי וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# אוגא
# אבער



אין א צייט ווען אלע אנשי שלומינו קומען זיך צאם אינעם מאיעסטעטישן בנין היכל הקודש צו ווילן אויף ראש השנה מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם קיבוץ ביים רבי'ן, דערמאנט מען זיך די ערשטע יארן ווען אנשי שלומינו זענען נאך געווען צושפרייט און צוזייעט אין עטליכע פלעצער, דארפנדיג געניסן פון טובות פון אנדערע \ קרית ברסלב בלעטל כאפט א שמועס מיט **מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו** וואס פירט אן דעם ריזן אומאן אפעראציע פון איר ערשטע טאג ביז היינט

# לאצינג



נפתלי הירצקא וואללנער

**פר מ'גיימיר אריין אינעם שמועס בנוגע אומאן, וואלטן מיר געוואלט הערן ווי אזוי זענען געווען די אפקלאנגען פון די פארגאנגענע צוויי אינטערוויוס וואס איר האט געגעבן פארן בלעטל?**

שכח אייבערשטער, דער אייבערשטער איז זייער גוט צו מיך אז איך בין מקורב צו אזא גרויסע רבי וואס גיבט אונז אזויפיל גוטע עצות אין לעבן, און אז ער האט אונז געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, פאלגט מען און מען קומט אן קיין מעשיות.

אז דו פרעגסט וועגן מיינע פאריגע צוויי אינטערוויא'ס זאלסטו וויסן אז דער אפקלאנג איז געווען עפעס געוואלדיג, איך האב נישט געוויסט אז דער קרית ברסלב בלעטל ווערט אזוי צושפרייט איבער דער גארער וועלט, ווי איך גיי שטעלן מיר אפ מענטשן איבער דעם ארטיקל, בעצם קומט זיך דער קרעדיט פאר דיר, דו מאכסט אזא הערליכע ארבעט.

**א גרויסן ישר כח. לאמיר אריינגיין אינעם שמועס, ווי אזוי זענט איר אריינגעדרייט געווארן צו העלפן אנשי שלומינו אין אומאן?**

לאמיר דיר געבן די סדר ההשתלשלות וויפיל איך געדענק: ס'איז געווען פאר יום טוב ראש השנה תש"ע האבן עטליכע אזויגערופענע עסקנים מיר געשיקט לערנען קיין לאנדאן, כדי נישט צו ווערן פארכאפט... אבער איך האב דארט ווייטער אנגעהאלטן א שטארקע קשר מיט דער ראש ישיבה שליט"א ברוך השם. פאר ראש השנה האב איך גערופן דעם ראש ישיבה זאגן אז איך וויל זייער שטארק קומען אויף אומאן, אויך איך מעג איינשטיין צוזאמען מיט אים אין זיין דירה, און דער ראש ישיבה האט מיר העפליך איינגעלאדענט אין זיין דירה אין קרית ברסלב [אומאן].

עס זענען דארט געשלאפן אין א קליינע צימער דער ראש ישיבה מיט זיין זון הרב שלמה שליט"א, הרב אלחנן חיים שליט"א, דער מנהל הרב אברהם משה שטראססער שליט"א מיט זיין זון מו"ה שרגא הי"ו, מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו מו"ה שאולי גאנץ הי"ו און איך. ס'איז ברוך השם געווען א הערליכער יום טוב צוזאמען, געדאווענט האט מען ביי מוהרא"ש זי"ע אינעם מעגומעטער בנין צוזאמען מיט אלע תלמידי מוהרא"ש פון די גאנצע וועלט. געגעסן האט מען אינעם דירה, מיט די פאר מענטשן צוזאמען.

**וויאזוי איז עס געפארן פון דארט ווייטער?**

קומענדיגע יאר זומער תש"ע האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה צו איך קען נאכאמאל איינשטיין ביים ראש ישיבה'ס דירה אין אומאן, דער ראש ישיבה געבט מיר א קוק דורך און זאגט מיר: "ניין", פרעג איך אים "וואו זאל איך איינשטיין אנשטאט?" "מאך א אייגענע דירה", איז געווען די ענטפער. אזוי האט מען טאקע געטון, איינע פון די בחורים האט צוזאמגעשטעלט א דירה מיט נאך אנדערע פרעמדע מענטשן, אבער איך וועל דיר זאגן דעם אמת, עס איז געווען זייער אומבא'טעם'ט.

דעם קומענדיגן יאר תשע"א זאגט מיר דער ראש ישיבה: "האסט געזען ווי גרינג ס'איז צו שאפן א דירה, פרעג דיך נאך ווער ס'פארדינגט דירות אין קרית ברסלב [אומאן] און איך וועל דיר אויסלערנען ווי אזוי צו מאכן א גוטע דירה."

**וויאזוי איז עס צוגעגאנגען מיט די סעודות יום טוב, וואו האט מען געגעסן?**

דעמאלט האט מען נאך מיטגעשלעפט די סעודות פאר גאנץ יום טוב פון



תלמידי היכל הקודש אין אומאן - ראש השנה שנת תשע"ג

אמעריקע!! מען האט געקויפט אסאך פעקלעך געפאקטע עסן ווי פלייש זופ און פיש, די זעלבע אומבא'טעמ'טע איבל'דיגע עסן וואס מ'טיילט אויפן פליגער, און מען געבט עס גוטהארציגקייט אוועק פאר די גוי'אישע שכן וואס איז מקנא אזוי לאנג, ביז ער טרעפט זיך פנים אל פנים מיט א אלטע קאלטע טשיקן באדעם און א הייסע טעלער קאמפאט ארומגעוויקעלט מיט צענדליגע שיכטן סילווער פאפיר...

ס'איז אויך געווען געוויסע וואס האבן געגעסן ביי שיינער, מ'האט זיך מסדר געווען דארט ביי איין ווינקל, און אזוי געגעסן צוזאמען די סעודות.

אזוי אויף דעם שניט איז עס געגאנגען ראש השנה תשע"א תשע"ב.

**ווי איך האב געהערט פון אנשי שלומינו איז געווען א שטיק צייט וואס מ'האט געגעסן און געשלאפן צוזאמען ביי א געוויסע 'חצר', ווען איז דאס געווען?**

דאס איז געווען אין יאר תשע"ג, דער איד וואס האט מיר ביז דאן פארדינגען די דירה האט מיר געמאלדן אז ער האט אויך דירות צו פארדינגען נאנט צום ציון אבער געגוג ווייט פון די איבערקערעניש. עס האט געהאט א מקוה, א שטיקל בית המדרש, און א פלאץ צו עסן. נאכן באקומען די הסכמה פונעם ראש ישיבה שליט"א האב איך אפגעדינגען ביי אים א שטיקל שטח ווי ס'איז מער באקאנט צווישן אונז מיטן נאמען דער 'חצר', דארט האט מען אנגעהויבן מיט צוואנציג אינגעלייט.

יענעם יאר איז אויך געווען מיט אונזער חבורה מו"ה העניך אינדיג הי"ו ער האט געזען ווי איך מוטשע מיך אנצוווארעמען די זופ וואס מ'שלעפט מיט פון אמעריקע, האט ער מיר אויפגעקלערט "פארוואס קעסטו נישט קויפן דא אין אוקריינע טשיקן און גרינצייג און אהערשטעלן א פרישע זופ." זאג איך אים "איך ווייס נישט וועלכע שחיטה איז פארלעסליך דא אין אוקריינע", זאגט ער מיר "ס'איז דא צובאקומען פלייש מיט א פארלעסליכער הכשר פון די 'עדה החרדית', און אפילו אויב נישט איז פיל לייכטער צו שלעפן צוויי דריי פעקלעך רויע טשיקן, ווי אכציג פעקלעך זופ..." האב איך אים געזאגט "לאמיר זען צו דו קענסט אהערשטעלן א ווארימע פרישע גרינצייג זופ היינט נאכט פאר די הונגעריגע עולם."


דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף גמרא אין לופטפעלד תשע"ג



פארנט פונעם בנין קרית ברסלב (אומאן) שנת תשע"א



א' סליחות ביי מוהרא"ש - שנת תשס"ט

ר׳ העניך האט זיך נישט געפוילט ביז א קארגע שעה קומט ער צוריק מיט א טאפ בשעת עס טראפט נאך וואסער פון די מקוה, מיט א באגאדזש אנגעפילט מיט פילע ערליי גרינצייג, און ער שטעלט זיך קאכן א זופ...בשעת איך רייב מיר נאך מיין אויגן צום ערשטוינדעדנעם מציאות וואס איך האלט דא מיט דערוואראעמט זיך שוין דער עולם מיט א ווארעמע נאכטמאל... דעם יאר קען מען זאגן איז געווען די אנהייב פון אונזער חבורה, וואס מ׳האט אנגעהויבן אליין צושטעלן עסן, און אפאר עסקנים זענען שוין געווען אינוואלווד.

קומענדיגן ל״ג בעומר צייט תשע״ג בין איך מיט ר׳ העניך געגאנגען זיך דורכרעדן מיט דער ראש ישיבה, צו אויסארבעטן א פלאן ווי אזוי נאך אנשי שלומינו זאלן קענען האבן אש״ל מלא אינעם חצר. נאכן אדורכגיין די פרטים האט מען דארט אינעם ׳חצר׳ ארויסגעדינגען פאר ראש השנה תשע״ד ארום ניינציג בעטן, אזוי אויך מיט א שטיקל קאך ווי מען האט צוגעשטעלט ברייטהארציגע סעודות פאר אנשי שלומינו.

אין יאר תשע״ה (וואס איז אגב געווען דעם לעצטן יאר וואס מוהרא״ש זי״ע איז געווען אין אומאן ראש השנה) האט מען שוין ארויסגעדינגען דעם גאנצן שטח פונעם ׳חצר׳, א קיימא לן פון הונדערט זעקס און צוואנציג בעטן.

דאס איז אלעס געווען נאר פאר שלאפן און עסן, די תפילות איז אלעס פארגעקומען צוזאמען מיט מוהרא״ש זי״ע.

**ווען האט זיך אנגעהויבן וועבן פלענער פאר אן אייגענעם בנין אין אומאן?**

אין יאר תשע״ו איז דער ראש ישיבה שליט״א געגאנגען קוקן אפאר שטחים אויב עס איז געאייגענט פאר אונזער חבורה, איינס פון די שטחים איז געווען דארט ווי עס איז היינט די בנין פון הרב רבי יצחק לעסער שליט״א. דארט האט מען שוין געהאט געגעבן א דעפאזיט, אבער צום סוף איז עס געווארן בטל. שפעטער איז מו״ה יואל הכהן הי״ו אויפגעקומען מיט די שטח ווי עס שטייט היינט דער מאסיוון בנין מיט איר פילע פראכט. און נאך אסאך תפילה והתבודדות האט דער ראש ישיבה געגעבן די הסכמה צו אנהייבן מיט די בוי פראיעקט. יענעם יאר האט מען שוין אויפגעשטעלט אינעם חצר א גרויסן



דער ראש ישיבה ביים זיך אומקיקן אויפן בנין בשעת׳ן בויען





טענט, וואס דארט איז פארגעקומען די תפילות ראש השנה, צו שחרית איז מען נאך יא אראפגעגאנגען דאווענען אין מעגימעטור.

אין יאר תשע"ז איז עס געווארן גרעסער, אזוי אויך אין יאר תשע"ח איז עס נאך גרעסער געווארן. פון אלע זייטן זענען מענטשן געקומען מיטהאלטן די תפילות פונעם ראש ישיבה, דעמאלט האט מען שוין געמאכט א סיסטעם פון קארטלעך, כדי די וואס האבן געצאלט פאר די סעודות זאלן קענען עסן רואיג און באקוועם.

**ווען האט מען זיך למעשה אריינגעצויגן אינעם נייעם בנין?**

אויף ראש השנה תשע"ט האט מען ברוך השם נאך אסאך מיה פלאג מען באנייט דעם נייעם בנין, דער בנין האט דאן אויסגעקוקט האלב רוי און האלב צוגעברענט... עס האט אריינגערעגענט מיט א שטארקע שפע, די לעקטער און וואסער איז גאנץ גוט געווען מילד גערעדט... אבער מ'איז עס אדורך. יענעם יאר איז געווען אינעם בנין ארום צוויי הונדערט מענטשן.

אזוי איז עס אלץ בעסער געווארן פון יאר צו יאר, מ'האט געארבעט במשך דעם יאר עס מער אויפפיקסן כדי ס'זאל זיין צוגעשטעלט פארן ציבור וואס ס'פעלט זיך אויס.

אזוי אויך איז צוגעקומען נאך א פרישע שטאק און נאך א פרישע שטאק וואס מ'האט צוגעבויעט כדי צו קענען אקאמאדירן די פרישע מקורבים וואס האבן אויך געוואלט זיין אינעם בנין אויף ראש השנה.

מיט די צייט איז אריינגעקומען אין די ארבעט נאך אנשי שלומינו ווי למשל מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אזוי אויך איז געווען אינגעלייט וואס האבן געהאלפן אין קאך במשך די וואך צייט וואס מ'איז דארט געווען.

די ערשטע פאר יאר האט מען געגעסן די סעודות אינעם ערשטן שטאק, דארט ווי ס'געפונט זיך די מקוה. די לעצטע פאר יאר אזוי ווי ס'איז שוין געווען אסאך מער מענטשן, האט מען געפראווועט די סעודות אינעם בית המדרש, וואס דאס האט אריינגענומען אין זיך א גרויסע עבודה, ווייל גלייך נאך יעדע תפילה האט מען געדארפט ארויסזען דעם עולם פון בית המדרש, און דערנאך אריינקומען מיט אסאך חברה און אהערשטעלן דעם בית המדרש מיט אלע געברויכן פאר א סעודה פאר אזויפיל מענטשן.

כדי דער עולם זאל וועלן ארויסגיין פון בית המדרש האט מען געמאכט אז ראש השנה ביינאכט זאל זיין לשנה טובה אינטן אינעם ערשטן שטאק, אזוי אויך נאך יעדע תפילה האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור אינעם ערשטן שטאק.

היי יאר האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס קען שוין נישט אזוי מער אנגיין, און דא איז אריינגעקומען די געטרייע עסקנים פונעם רענט קאמפיין מו"ה אשר דוב אינדארסקי הי"ו און שבתי דוד מארקוס הי"ו וואס האבן געגעבן דאס געלט מען זאל אויפשטעלן א גרויסן שאטער אויפן רעכטן זייט פונעם בנין, וואס דארט וועט זיין צוגעשטעלט צו עסן די סעודות. און אזוי וועט דער בית המדרש בלייבן פאר לערנען און דאווענען.

אזוי אויך איז צוגעקומען צו א מצב וואס מ'קען שוין נישט צושטעלן פאר אזא ציבור קע"ה און מיט אזוי ווייניג עסקנים וואס העלפן ארויס, איז היי יאר האט דער ראש ישיבה אוועקגעשטעלט נאך אינגעלייט און בחורים וואס וועלן זיין געשטעלט אויף געוויסע חלקים פונעם בנין, ווי למשל צושטעלן די סעודות, אהערשטעלן די קאווע סטאנציע, זויבער מאכן דעם בית המדרש, רייניגן די צומערן, און אזוי ווייטער.



מוהרא"ש זי"ע געבט איבער פאר אנשי שלומינו הדרכה פאר די גאנצע יאר


ביים צוגרייטן די סעודות יו"ט אין חצר- שנת תשע"ז


די סעודות יו"ט אין חצר - שנת תשע"ז (בילד געכאפט דורך א גוי )


אנשי שלומינו ביי תשליך - שנת תשע"ז (בילד געכאפט דורך א גוי )

איינס פון מיינע אויפגאבעס א גאנצע יאר איז אז איך דארף פארדינגען די בעטן פארן עולם, וואס דאס איז א גאנציעריגע ארבעט, אנשי שלומינו זענען זייער קלוג, שוין פון הושענא רבה באצאלן שוין מענטשן זייער בעט...

יעדעס יאר קומען צו מיר מענטשן וויינען אזוי פרי ווי אנפאנג זומער אז זיי ווילן א בעט אין די בילדינג, און איך קען נאר מיטוויינען מיט זיי, ווער עס איז קלוג טראכט שוין מוצאי ראש השנה פונעם קומענדיגען ראש השנה, ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז נאך די הייליגע טעג נייגט ער זיך צו אן אויער הערן ווי דער שמש וועקט שוין צו סליחות...

ברוך ה' אונזער ארבעט איז צופרידנצושטעלן אנשי שלומינו, פארדעם פארן מיר שוין ארויס עטליכע טעג פארן עולם, מען גרייט צו די פלאץ אז ס'זאל קענען אקאמעדירן אזא ריזן פלייץ פון מענטשן, מען גרייט צו די עסן און מען ווארט ביז ס'הייבן אן קומען גרופע'ס פון מענטשן פון אלע עקן פון דער וועלט, וואס מען דארף זיי אנטפאנגען מיט א ווארימע טעלער יוהך, א הייסע מקוה און גענוג גוים זאלן ארויפשלעפן די רענצלעך פון די אויסגעשעפטע אידן וואס רייזן שוין ארום עטליכע טעג און פאלן פארסאפעטערהייט אריין אין בעט אן קיין טראפ כח.

אויך האט מען היי יאר אריינגענומען אין די הנהלת אומאן א חשובער אינגערמאן מו"ה ישעי' איידליס הי"ו וואס האט א געוואלדיגע שכל הישר און ער לייגט ברוך השם צו א האנט אין יעדע פראיעקט אונטער דער ראש ישיבה, און ער העלפט ארויס גאר שטארק.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען פועלן א גוט געבענטש יאר, און זיך אויסבעטן אלעס גוטס ביים הייליגן רבינ'ס ציון פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

**א גרויסן יישר כח פארן וועקגעבן פון אייער צייט שוין צום דריטן מאל. דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן אז דו מיט דיינע דורות זאלן זיין דבוק צו ערליכע צדיקים און קומען יעדעס יאר קיין אומאן אויף ראש השנה.**

איר זאלט האבן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר. ■

# צומישט??? איר ווייסט נישט וועלכע צו קויפן




## נישט געזארגט! שיקט אייער ווייב צו

# SCENTED SENSATION

## ווי מיר שטעלן צו א גרויסע אויסוואל דוטי פריי

# געדאנקען

# פאפקארן
## אנשטאט ריבלעטס

# א גוטן

ס'מאכסטע חיים?

ברוך השם!

גוט מארגן!

גוט מארגן גוט יאר!

געווען נעכטן ביי די וואכנאכט?

יא!

נעבעך! וואס מיינט ער? קיינער ווייסט נישט ער איז דער אנזעצער פון יאר-הונדערט?!

פשיהאא..... ווען ער זאל זען די וויצן וואס מ'האט זיך גע'באליי'ט פאר געלעכטער פון זיינע דמיונות ווי ער דערציילט פאר זיך אליין אז ער האט יא געלט און אז ער איז נישט שולדיג א מיליאן טאלער........ אבי כ'האב מיך באלעקט מיט דעם אפגעריסענעם שוטה'ס ציגנ מיט ריבלעט'ס......... פיינע סחורה געווען!!!! אוי די גאלע!!! יויש! אוי הלואי האט ער נאך א אינגל בעיבי ביז א יאר! די שונאי ישראל זאלן נישט האבן אזא גאלע!!!! כ'האב גע'חלומ'ט א גאנצע נאכט פון דעם! קיינער מאכט נישט אזא גאלע! איך גיי שוין ארום ליל ששי'ס אין רעסטאראנטן מיט חברים פאר צען פופצן יאר! נישטא אזא גאלע!

וועלכע וועג נעמסטו, חיים?

וועג? וועג צו וואו?

צום רבי'ן?

אה! צום רבי'ן? אה! אומאן? אה! איך קען נישט פארן!

ס'הייסט?

מיין ווייב! זי זאגט נאו ווער'י האוזעי!!!!!!!

פאלש!

פאלש!

חיים'קע מיין טייערע זיסע לעכטיגע האניג'דיגע קענדי'דיגע חיים'קע דו רעדסט פאלשע רייד!

א פרוי האט ליב צו קאכן פאר איר מאן, וואשן וועש פאר איר מאן! א פרוי האט ליב צו האלטן איר מאן פאר א קעניג! און שטיין ווי די באדינער ביי די זייט און זאגן "צום באפעל" דאס האט א פרוי ליב!

חוץ אויב דער מאן מאכט עס חרוב..... חוץ אויב דו האקסט איר אין קאפ פאר פופצן יאר אז דו ביסט נישט קיין קעניג, דו ביסט אן opportunist, דו ביסט אן "אני ואפסי עוד", דו קוקסט נאר וואס איז גוט פאר דיר, נו, אז דו האלטסט נישט ביים זיין א קעניג, ווי קען זי זיין דיין באדינער? דו לויפסט אראפ פון דיין שטול ווייל דו האסט געזען א קליינע טשאקלעד אויפ'ן פלאר.... דו עקסט ווי א קליין קינד ווען ער זעט אן אייס קרים, נישטא קיין פרינציפן, אלע rules פאלן אוועק....... דו ביסט נישט א מענטש וואס לעבט מיט א חשבון, אכול היום כי מחר נמות, אבי געלעקט א ביינדל און זאל מיין גאנצע וועלט גיין חרוב.......

אז דו גייסט ארום פופצן יאר ליל ששי מיט חברים אין רעסטאראנטן, און יעדע וואך בארעדט מען א אנדערע חבר וואס איז נישט יעצט דא מיט די crew, האסטו in effect געזאגט פאר דיין ווייב יעדע וואך נאכאמאל און נאכאמאל, "איך בין נישט קיין קעניג, איך בין נישט קיין קלאסישער דזשענטלמאן, איך לייד אויף "פאומאר","fomo" (ראשי תיבות fear of missing out) דאס איז גאר גאר א שרעקליכע קרענק, ממש איום ונורא! נישטא קיין רפואה! (ס'איז נאר דא

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

איין דאקטאר וואס קען היילן "פאומאו", די זאך פון רעדן צום אייבערשטן און זאגן משניות איז די איינציגסטע רפואה! אן דעם איז דער מענטש א פארלוירענער!) מיין טייערע ווייב! איך לייד אויף פאומאו! איך טאר נישט פארפאסן קיין איין וואכנאכט פון מיין בעסטע חבר'ס דריטע קאזינ'ס קלעס מעיט! איך בין טויט גוט מיט אים! ער האט זיך "געבבבבבבבבבעייטטטטן" איך זאל קומען! (זאג עס נאכאמאל? "געבבבבבבבבבבעייטטטטן" "געבבבבבבבבבבעייטטטטן" "געבבבבבבבבבבעייטטטטן" אוי ברענגטס שנעל א באקס טישו'ס!) ער וועט זיין עכט עכט צובראכן אויב איך קום נישט! איך קען עס נישט טון צו אים"!!

ווען די ווייב האט זיך "געבבבבבבבבבעייטטטטן" ביי חיימעלע'קאם (אויף אונגאריש לייגט מען צו א "קאם" ביי א נאמען, למשל ווען מ'וויל זאגן מוישעלע טייערער, זאגט מען מוישעלע-קאם, מ'זאגט עס מיט א קמץ) ער זאל עפעס טון פאר איר, איז ער נישט געווארן אזוי איבערגענומען, ווען ס'קומט צו ריבלעטס ביי די וואכנאכט לויפט ער ווי א בייזער ווינט, ביי חיים אין מח איז דא נאר דריי ווערטער "איך" "מיך" "זיך". די מינוט וואס ער מוז געבן אביסל הארץ און העלפן די ווייב, ט'kick אריין זיין שרעקעדיגע מאויים'דיגע fear of missing out, ער טאר נישט פארפאסן קיין איין וואכנאכט פון אלע "שכנים" וואס וואינען דריי און א האלב מייל "נאנט" צו אים.

איך גיי נישט יעצט אריינגיין, חיים'קע, אין די זאך פון דיין עצם פאר'ן קיין אומאן, אבער סתם זאגן "מיין ווייב" "מיין ווייב" "מיין ווייב" "ווער קען פועל'ן ביי מיין ווייב אז איך זאל קענען גיין קיין אומאן?" דאס איז קינדיש, נאריש, אומערוואקסן, אויסער דעם וואס ס'איז א פלעינע ליגנט, און אויסער דעם וואס דאס אזוי אומ'יושר'דיג כלפי דיין ווייב אזוי ווי ס'איז אומ'יושר'דיג אז דו האסט נישט קיין רגע אחת געדולד צו רעדן צו איר.

פארוואס מאכסטו שפאס פון דיין ווייב? פארוואס מאכסטו פון איר דאס געגאר? וואס האקסטו א קאפ איך גיי נאר אויב מיין ווייב איז מסכים? פון וועמען מאכסטו ליצנות? פארוואס מאכסטו איר פאר די bogeymonster?! פאר וועמען דערציילסטו אז דו גייסט און קומסט נאר לויט דיין ווייב'ס געשמאק?!

פאר דעם אליין וואלסטו געדארפט פארן צום רבי'ן אז דער רבי זאל דיך אויסלערנען איזהו מכובד המכבד את הבריות, צו א ווייב רעדט מען ווי מ'רעדט צו א חשוב'ע מענטש! רעד נישט צו איר ווי מ'רעדט צו א שוטה'לע!

א ברסלב'ער חסיד האט אמאל פארברענגט מיט זיין חבר לגבי פארשידענע ביזנעס זאכן וואס זיי האבן געמאכט געשעפטן צוזאמען, נאך עטליכע טעג פון ארלעדיגן זייערע ביזנעס זאכן, האט דער ברסלב'ער געזאגט פאר'ן חבר "דו טוסט זייער גוט אין דיין לעבן, דארפסט נאר מאכן איין קליינע טויש, דעם העפליכן גוט מארגן וואס דו געבסט פאר די טעלער'קע אין באנק, דארפסטו געבן פאר דיין ווייב, און דיין באבלאזענע קאלטע פארפרוירענע פנים וואס דו געבסט פאר דיין ווייב דארפסטו געבן פאר די טעלער'קע, אז דו מאכסט די קליינע טויש ביסטו פיינע נייעס. ביסטו all set".

דער הייליגער רבי האט פאר דיר א שיינע וועג! א פרק משניות יעדן טאג, און אלעס וועט זיך טוישן! קומענדיגע ראש השנה וועט דיין ווייב דיר זאגן "חיימעלע'קאם! חיימעלע מיין קרוין! חיימעלע מיין צוקער'ל! חיימעלע מיין צדיק'ל! די האניג קיכעלעך פאר דיין נסיעה צום הייליגן רבי'ן איז שוין גרייט! איינגעפאקט מיט א poem ווי שטארק איך גיי דיך miss'ן!"

דו וועסט זיך וואונדערן! ווי אזוי בין איך געלאפן ווי א נאר צו די ריבלעטס אז איך קען אין די צייט זיצן אויפ'ן קאוטש און עסן פאפקארן מיט די ווייב?!

וואס האקסטו א קאפ איך גיי נאר אויב מיין ווייב איז מסכים? פון וועמען מאכסטו ליצנות? פאר וועמען דערציילסטו אז דו גייסט און קומסט נאר לויט דיין ווייב'ס געשמאק?!

# בורא עולם בקנין



*sruliHeskel

# השלם זה הבנין

**בראש השנה דנין את האדם כמה יפסיד, ואם זכה נותן זה הממון לעניים.**
(ספר המדות, צדקה אות כ.)



## קרן הבנין

# א מעשה
## פון א צדיק



# גֶעפָאלְגְט זַיין חַבֶר רֶבִּי נָתָן

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִינְגֶערְהֵייט גֶעהַאט אַ נָאנְטֶע חַבֶר וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין שְׁטָאט מָאהלִיב אוּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט. עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרֵייעֶן מִיט גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֵייגֶער פוּן דִי סוֹחֲרִים, אָבֶּער עֶר הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

אַזוֹי הָאט עֶר צוּבִּיסְלִיךְ פַארְלוֹירְן מֶער אוּן מֶער גֶעלְט בִּיז עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי חוֹבוֹת, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פַּחַד פוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר קוּמְט זֵיי גֶעלְט, אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם שְׁטָאט מָאהלִיב, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ פָארְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט וָואס דָארְט הָאט עֶר אַ קָרוֹב אַ רַייכֶע אִיד, וָואס וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן אִין זַיין מַצָב.

אַזוֹי אִינְמִיטְן אַנְטְלוֹיפְן אִיז עֶר אַדוּרְכְגֶעפָארְן דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט אַ גוּטֶע יוּגֶענְט פְרַיינְט רֶבִּי נָתָן וָואס וואוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב, אַרַיינְקוּמֶענְדִיג צוּ רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן זַיין וואוֹילְזַיין, אוּן דֶער חַבֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן זַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן עֶס אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ פָארְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט וָואס דָארְט הָאט עֶר אַ קָרוֹב אַ רַייכֶער אִיד, וָואס וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין סִיפּוּר הַדְּבָרִים הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן: "דָאס אִיז זִיכֶער אַז בִּיסְט אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, אָבֶּער דַיין עֵצָה אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע עֵצָה, וַוייל וִוי נָאר דוּ גֵייסְט אָנְקוּמֶען צוּ דַיין קָרוֹב אוּן עֶר וֶועט גֶעוָואר וֶוערְן פוּן דַיין מַצָב, וֶועט עֶר דִיר וַוייזְן צֵייכֶענֶעס פוּן אוּמְצוּפְרִידְנְקֵייט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, עֶר וֶועט דִיר קוֹים גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אוֹיף דִי שְׁפִּיץ פִינְגֶערְס, צוּ עֶר וֶועט דִיר גֶעבְּן צוּ שְׁלָאפְן בִּין אִיךְ מְסוּפָּק! וֶועגְן דֶעם אִיז דַיין עֵצָה נִישְׁט קֵיין גוּטֶע עֵצָה.

וָואס יָא! מַיין עֵצָה אִיז זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶען, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּ מָאהלִיב, גֵיי גְלַייךְ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַרַיין, אוּן זָאלְסְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דַיין שְׁוֶוערְן מַצָב. דָארְט אִין דַיין שְׁטָאט קֶענֶען דִיר אַלֶע אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַ גַנָב חַס וְשָׁלוֹם, נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט בִּיסְט אַ חָשׁוּבְֿעֶ סוֹחֵר וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט גֶעוָוארְן אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי בִּיסְטוּ נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אַ בַּעַל חוֹב אוּן הָאסְט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה. דֶער שַׁמָשׁ פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ וֶועט דִיר אָפְּגֶעבְּן כָּבוֹד אוּן מְקָרֵב זַיין, עֶר וֶועט דִיר אָנְטְרָאגְן סְעוּדוֹת צוּ עֶסְן, אוּן אוֹיךְ אַ קִישְׁן זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן.

וֶוען דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קְרוֹבִים וֶועלְן זִיךְ דֶערְוִויסְן דֶערְפוּן, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער קוּמֶען מִיט קוֹלוֹת אוּן טַעֲנוֹת, אָבֶּער דוּ עֶנְטְפֶער זֵיי נִישְׁט, דַיין זַאךְ זָאל זַיין שְׁוַוייגְן, אִיךְ בִּין זִיכֶער - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן."

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט רֶבִּי נָתָן, דֶער שַׁמָשׁ הָאט אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים. נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט דֶערְוואוּסְט אַז דֶער אִיד דֶער סוֹחֵר זִיצְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן לֶערְנְט. זַיין וַוייבּ אוּן קְרוֹבִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן טַעֲנוֹת אוֹיף אִים, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעשְׁוִויגְן. עֶס אִיז אַדוּרְךְ אַפָּאר טֶעג אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דִי נַייעֶס אִין שְׁטָאט אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם סוֹחֵר וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אַ גַאנְצְן טָאג.



בִּיז עֶטְלִיכֶע פוּן זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְט הָאבְּן רַחְמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף אִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין עֶנְגֶע מַצָב צוּ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי מִשְׁפָּחָה, זֵיי הָאבְּן צַאמְגֶענוּמֶען גֶעלְט, מְסַדֵר גֶעוֶוען אַז זַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ טִישְׁל אִין מַארְק צוּ פַארְקוֹיפְן אַבִּיסְל סְחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ צוּ מַצְלִיחַ זַיין, דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיר הֶעלְפְן, אוּן דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן דֶעם גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט אוּן אַזוֹי בַּאצָאלְט אַלֶע זַיינֶע חוֹבוֹת. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר הָאט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

(ספר פרנסה טובה, אות סז׳)



# דעם הייליגן רבי'נ'ס לעבנסגעשיכטע

צ"א

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט זַיין טַאטֶע זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר אִיז סְתָּם אַזוֹי גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיף חֲסִידִים בִּכְלַל, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי חֲסִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועמֶען מְ'פְלֶעגְט רוּפְן "דִי וִידוּי'נִיקֶעס", זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט בַּיים עוֹלָם.

עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג בֵּייז אוֹיף רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶערֶעדְט זַיין שְׁנוּר, דִי וַוייבּ פוּן רֶבִּי נָתָן, אַז זִי זָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים אוֹיף דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן. אוּן זִי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעקְרִיגְט מִיט אִים, אוּן אִים אָנְגֶעוָוארְנְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן נָאכְאַמָאל צוּם רֶבִּי'ן.

יֶענֶע וָואךְ, פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, הָאבְּן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן צְוֵויי חָשׁוּבֶע חֲסִידִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאבְּן זֵיי חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אֵיינֶעם פוּן נֶעמִירוֹב וָואס פְלֶעגְט אַסַאךְ קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אוּן הָאט זֵיי שְׁטַארְק פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן יֶענֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "צִי וֵוייסְט אִיר דֶען וָואס קְלַאטְשְׁן מֵיינְט, אוּן אַלֶע עִנְיָנִים וָואס לִיגְט אִין דֶעם, אַז אַז אִיר מַאכְט שׁוֹין חוֹזֶק פוּן דֶעם אִיד וָואס קְלַאטְשְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען?! וֵוייסְט אִיר דֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען, אַז עֶס גֶעפֶעלְט אַייךְ נִישְׁט זַיין קְלַאטְשְׁן?!"

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ צוּגֶעאַיילְט אוּן אִיז אַרוֹיס דִינְגֶען אַ וָואגְן צוּ פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל עֲגָלָה עֶר זָאל אַרוֹיסְפָארְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן אִים דָארְט אָפְּוַוארְטְן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען צוּ נֶעמֶען מַלְבּוּשִׁים פַאר יוֹם טוֹב.

סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, אוּן זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערֶעגְט מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע כַּעַס אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ צוּגֶעיָאגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶועשׁ, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס אוּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זַיין חַבֶר ר' נַפְתָּלִי, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט צוּם וָואגְן וָואס הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף זֵיי.

זֵיי זֶענֶען צוּזַאמֶען גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, מִיטְ'ן פְּלַאן צוּ זַיין דָארְט אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, אוּן שׁוֹין צוּ בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעקוּמֶען מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

נָאכְמִיטָאג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, זֵיי זֶענֶען אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים אַבִּיסְל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דַאן גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן גָאר אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג", אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן רֶבִּי'ן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, פַּרְשַׁת נִצָּבִים, הָאבְּן רֶבִּי נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעהֶערְט דִי זְמִירוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאָה, קְדוּשָׁה, אוּן דְבֵיקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי זֶענֶען נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָּשׁ בִּיז כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# קוק אהער

# זיך באקוועם מאכן אין אומאן

נו מיין אויער פייפט, איך שפיר ווי איך געפין זיך ערגעץ צווישן שמים וארץ, שוין נישט געשלאפן געהעריג עטליכע מעת לעת, געגעסן עסן וואס.... כ'מיין שיין צוגעשטעלט, אבער פרוביר מיך צו געבן די עסן מאנטאג פרשת משפטים, ס'פליט דיר צוריק אין פנים אריין...

כ'אמיך איינגערעדט אז איך גיי כאפן א דרימל, טרעף איך זיך ליגן אינעם בעטל אויפן פערטן שטאק אינעם בנין קוים א האלבע שעה נאכן אנקומען, איך דריי מיך אהין, איך דריי מיך אהער, נאך צען מינוט בין איך משלים מיטן מציאות, מיין גוף האלט נישט יעצט ביים גיין שלאפן, שוין, עמער גיין כאפן א טבילה און ארויפגיין צום ציון, די הארץ בענקט דאך אזוי שטארק.

איך דריי איבער דעם גאנצן רענצל וואס האט נאר דריי רעדער... יא אינמיטן וועג האט זיך איין רעדל געזעגנט און מיין רענצל איז געווארן דערקלערט אינוואליד. איך זוך אהין, איך זוך אהער, אפשר אינעם פאדערשטן זיפער? ניין אויך נישט... ווי אזוי קען דאס זיין? איך האב פשוט פארגעסן? אזא שלימזל בין איך?

די מציאות פאטשט אין פנים 'איך האב נישט קיין האנטוך'! ווי אזוי קען זיין אז איך האב פארגעסן א האנטוך? וואס איז די מעשה מיט מיר?

(באלד א יאר שפעטער האט דער ראש ישיבה אונז אויפגעקלערט ביי די שיעורים וואס מ'זאל זיך מיטברענגען צום רבי'ן קיין אומאן - ברענג מיט שבת שיך, א ווייסע בעקיטשע פאר ראש השנה, א שווארצע בעקיטשע פאר שבת, פאק נישט מיט קיין קטנות הדעת! איי האסט נישט קיין פלאץ אין רענצל? נו נו א האנטוך דארפסטו טאקע נישט מיטברענגען, ס'פעלט נישט אויס, וועסט נישט בלייבן נאס אויף אייביג - אהההה שוין, איך מוז שוין נישט זיין קיין שלימזל למפרע, קודם די וויכטיגע זאכן האב איך טאקע נישט פארגעסן, נאר א האנטוכל איז געבליבן אינדערהיים, שוין בסדר, דאס דארף מען דאך סיי ווי נישט... ווען איך זאל דאס דעמאלט וויסן....)

דריי איך מיך ארום אין צימער ווי א כפרה נאך די שחיטה, וואס טו איך דא? איך מוז גיין אין מקוה, איך וויל ארויפגיין צום רבי'ן, ס'נישט קיין תכלית אזוי וואס וועט דא זיין, איך רייס איין ביים אייבערשטן "טאטע איך ברויך א האנטוך אין אומאן אין אונזער בנין אין מיין צימער אויפן פערטן שטאק..."

אה תפילה איז דאך גרעסער פון אלעס! מיין חבר כאפט זיך ער האט געברענגט צוויי, גערן בארגט ער מיר זיינס.

מיטן האנטוך אויף די פלייצע מיט זייף אין שאמפו אין האנט שפאציר איך ווי א קעניג צום עלעוועיטער, ענדליך גייט מען שוין גיין אין מקוה מ'גייט אנהייבן דעם "אומאן"...

אוי די קינדער... כהאב דאך אינגאנצן פארגעסן אז זיי זענען אויך דא... נאכן ווארטן צען מינוט ביים עלעוועיטער וואס קומט שוין אט אט, מאך איך די החלטה, איך גיי טון דאס וואס איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז איך גיי זיך וואגן צו טון... איך גיי נעמען די טרעפ!!!

פארשטייט זיך נאכן אראפגיין די ערשטע דריי סטעפס הער איך דעם 'פינג' דער עלעוועיטער איז דא! יעצט קומט ער?! פלאצן זאל ער, איך גיי מיט די טרעפ, אינטערעסירט מיך גארנישט, יעצט קען ער ווארטן אויף מיר!

מיין פעקל פלייש מיט ביינער האבן עס געמאכט, מיר זענען אנגעקומען צום בעיסמענט, מ'גייט אין מקוה!

טרעף איך זיך א פיינעם פלאץ מיט צוויי הוקס - א מציאה! יעצט הייבט זיך אן די סעלעקציע, די ערשטע צוויי שויערס ארבעט עפעס נישט, זיי זאגן באלד גייט עס ארבעטן. די דריטע רינט מים אחרונים, יעצט די פערטע שיסט וואסער מיטן גאנצע קראפט אויף פינף הונדערט דעגרים... די פינפטע? אה ער קומט זיך נישט אויס מיט זיין שכן די פערטע, ער האט גראד מחליט געווען 'אויב דו מיסטער פערטע ביסט הייס מיטן גאנצן קראפט, וועל איך דיר ווייזן! איך וועל שיסן קאלט מיטן גאנצן קראפט למען ישמעו ויראו!

טרעף מיר זיך ביים זעקסטן, שוין אן איידעלער, ער שיסט נישט, ס'קומט

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**




עפעס וואסער מ'קען זיך נישט אפרעדן אבער ער קומט מיט גאר א קאסטום ספעציעלע סעטטינג, ער שפריצט אביסל הייסליך אפאר סעקונדעס און נאכדעם אביסל קאלטליך פאר אפאָר סעקונדעס וחוזר חלילה. דאס איז א ספעציעלע טעכנאלאגיע וואס ווי ווייט איך בין באהאוונט אין די טעכנאלאגיע פעלד, מיין איך אז דאס ווערט פראדוצירט דערוויילע נאר אין אוקריינע ווי מ'קען האבן ביידע ווענטלען אויף איין מאל...

ענדליך בין איך זוכה צו קענען כאפן אפאר טבילות איידער מ'גייט ארויף צום רבי'ן, די התעוררות איז גרויס, דער הייליגער רבי האט דאך געזאגט אז דאס ערשטע איז מקוה, שוין גע'טובל'ט בין איך, קען מען שוין אנהייבן טראכטן פון ארויפגיין צום ציון.

ווען דער אמעריקאנער גוי האט ערפונדן דעם ערשטן אויטאמאביל האט ער געזוכט צו נעמען דעם פארצייטישן וואגן און צוטשעפען צו א מאטאר מ'זאל מער נישט דארפן קיין פערד צו שלעפן, יעצט אזוי ווי איר ווייסט דאך איז אוקריינע גאר א פארגעשריטן פראגרעסיווע לאנד האבן זיי פרובירט צו נעמען דעם גאנצן אינוועגשן צום נעקסטן שטאפל.

זיי האבן גענומען דעם מאטאר פונעם פארצייטישן קאר און אים צוגעטשעפעט צו א געהעריגע וואגן ווי ס'דארף צו זיין.... ס'זאל זיך שפירן באמת אויטענטיש! זיצט ער דארט דער דיקליכער אוקראינישער שגץ מיט צען גאלדענע ציין און אין איין געלע, און שרייט עפעס פון די קליינע פענסטערל פונעם אוקריינישן ווערסיע פונעם סייבערטראק וואס קומט אין א געלן קאליר, ער קנאקט צו דעם טיר און מ'פארמיר.

קומער אן צום בארג, הייבן זיך אן פרישע גזירות, יאנוש פונעם מחנים ביכל וואס בייסט אריין גראד אין די פולקע פונעם טשיקן ביים מאשקע אין קרעטשמע, שטייט מיר דא פארנט פון די אויגן מיט א גרינעם הויזן און א גרויסן ביקס און ער פארלאנגט שטייער, אן א פערמיט פון די שטייער לאזט ער נישט ארויף!

אידן זענען דאך באוואוסט אז דורך די יארן פלעגט מען כסדר דארפן שמוגלען גרעניצן פון מדינה צום צווייטן ווען מ'פלעגט אונז אלץ פייניגן מיט נייע גזירות דאס איז בכלל נישט קיין נייע זאך פאר אונזער פאלק...

איך ווארט פארן ריכטיגן מינוט ווען דער גרויסער געשטעל ווערט נישט קוקן און איך גיי עס אדורך שווערצן... אוי ווי גראד ביים טראכטן פון ווערלן טרייען האט ער מיר שוין געפאקט, נישט דא קיין ברירה איך וועל מוזן צאלן פאר די רוצחים דעם דרייסיג דאלערדיגן שטייער.

שוין לאנג פארגעסן אז קוים עטליכע מינוט צוריק בין איך געווען אין שויער, ס'גיסט מיר שוויס זיך ארויפשלעפנדיג דעם בארג, די זון באקט און בראט...

אה ענדליך זעמיר דא, שטיי איך סמוך ונראה צום ציון, ווען מיין מח נעמט זיך פליען 200 מייל פער שעה מ'מוז נישט ווינען מ'מוז נישט פילן, ס'איז גארנישט, דער עיקר איז טון וואס דער רבי האט געזאגט נעם א פרוטה'לע לייג עס אריין אינעם ערשטן פושקע וואס דו באגעגנסט, זאג די צען קאפיטלעך, זיי זיך אביסל מתבודד און גלייב אינעם רבי'ן.

איך געדענק נאך פאראיאר - טראכט איך צו זיך - די גאנצע וועג ווען איך האב נאר געטראכט פונעם רבינ'ס ציון בין איך אזוי נתעורר געווארן און שיעור זיך גענומען וויינען אבער נאכן גאנצן אפמאטערניש פונעם וועג האב איך אפילו איין טרערל נישט געקענט אויסקוועטשן, איך בין געשטאנען טריקן ווי א שטיין! ווען נישט די חיזוק וואס דער ראש ישיבה געבט פאר אומאן אז מ'דארף

# קוק אהער

גארנישט פילן וואלט איך עס נישט אויסגעהאלטן!!!

שוין דאס בין איך, איך בין דער וואס קומט אן צום רבי'ן פארשטיינערט, פיין וועל איך זיך זייער פרייען מיט דעם! די קאפ שווימט מיר, כ'ווייס נישט אויב איך בין שוין אמאל געווען אזוי איבערמיד... איך לייג אריין דעם פרוטה'לע, די ציון איז געווען גאנץ ליידיג און לופטיג, איך נעם דעם תיקון הכללי. און אזוי אן פילן און אן פרעגן, נעמען זיך די טרערן צו רינען, מיין הארץ האט געגעבן א רייס אויף, איך פרוביר זיך צו מצמצם זיין און זיך אויסבעטן ביים רבי'ן א זיס יאר.

די קולות האקן און קנאקן... רבי רבי אין כמוך בעולם... נאכאמאל און נאכאמאל בשעתן זאגן די צען קאפיטלען און פילן ווי איך ווער אפגעוואשן און אפגערייניגט.

איך האב זיך צוגעשטופט צום שטיין צום הייליגן רבינ'ס מצבה און זיך גוט גוט אויסגעוויינט, זיך פיין מתבודד געווען, פארשטייט זיך נישט אויפגעהערט צו דאנקן פאר מיין זיסע לעבן וואס איך האב באקומען דא אין היכל הקודש, זוכה געווען צו לעבן מיט דעם הייליגן רבינ'ס לעכטיגע זיסע עצות!

אזוי שפאציר איך זיך אראפ דעם בארג צוריק צום שאטל, מענטשן שטראמען פון אלע זייטן, ס'טוט זיך א מצב, אה דארט שטייט ער דער שאטעל, איך זעץ זיך ארויף, נאך א מינוט פארט ער שוין.

האלא ווער זעצט דארט? וואס ווילסטו פון מיין פלייצע? דער גוי וויל גיין, נא דו קומסט? זאל דער גוי גיין איך שטער אים נישט... ווי בין איך? דא אונז זעמיר דא ביים בנין, וועק דיך אויף קום אראפ פון שאטעל ער דארף גיין... אאה אה יא כקום טענק יו!

איך קען נישט שטיין גראד, איך וואק ווי א שיכור נאכן טרינק, הממם ווייסט וואס, איך בין גוט גוט הונגעריג, איך האב שוין לאנג נישט געגעסן עפעס (אויסער דעינישעס פון שטערן'ס בעקעריי) איך פלי אראפ אין עס זאל און 'קוק אהער' ס'זיצט ביי די זייט א ריזיגע טאפ הייסע זופ אההההה מים חמים על נפש עיפה..

טעלערס? ווי זענען די טעלערס? אה דעם האאא אויך מיר א טעלער, איינס איז נישט קיין אפציע, לאמיר זען אויב די אויסגעדינטע פלאסטישע טעלער וועט קענען האלטן די זופ אויב נעם איך צוויי...

אהה ס'איז גאר פיין, קיינער שטערט נישט, א טיש פאר מיך, ס'פארט אריין איין לעפל נאכן צווייטן, אזוי ביים דריטן לעפל קומט אריין צו שמייסן מחשבה'לעך אין מיין ריכטונג "באשעפער אין הימל, די בעט, ס'נישט מסודר, און די עסן, וואס טוט מען דא? די שטיגן אינעם בנין.... אוי טאטע ווי אזוי מאכט מען עס? וואס האבן זיי געטראכט?" נאכן פינפטן לעפל זופ איז געקומען מיין תשובה קורץ און שארף "זייט מיר מוחל, פיץ אוועק פון מיר! איך האב נישט קיין ברעקל כח יעצט פאר דעם... מיין זופ איז גאר פיין און מער פון דעם אינטערעסירט מיך נישט..."

שוין כ'האב געלערנט אביסל מיינע שיעורים, געשלאפן, דערנאך נאך אביסל געלערנט, נאך אביסל שלאפן, א קליינע שפאציר צום נייעם דעכל פארנט פון בנין. א מנחה, נאכאמאל צום ציון. דערנאך א מעריב, שפעטער סליחות, און דערנאך פדיון נפש, און מ'לייגט זיך שלאפן

שטיי איך דארט ביים סינק שיילנדיג מיין איי, נאכן פרובירן מיט אלע פאטענטן בין איך איבערגעבליבן מיר מער ווייניגער די געלעכל... ווער וועט מיר שערן טראכט איך צו זיך...

שוין מ'גייט זאגן לשנה טובה, אונטן א שורה ביזן טיר, פארוואס שטופט ער זיך אריין, ס'נישט יושר! איך גיי גארנישט זאגן אבער פארוואס זאגט קיינער גארנישט? אפשר זאל איך מיך אויך אריינשטופן? און וואס וועט זיין נאכדעם? כוועל זיין פיר סעקונדעס פריער, נע וועמען גייט עס אן, קוק איך בין שוין סיי ווי נעקסט....

ביי די סעודה, א פיינע פלאץ ב"ה מיט גוטע חברים, לאמיר זעהן די דיפס וואס גייט דא פאר, אהא נישט שלעכט, א גרויסע אויסוואל, הממם ווי איז די באבאגאנוש? ניין נישט דא לאמיר זעהן אפשר אינדרויסן... ניין אויך נישט, אפשר אונטערן טיש? נאופ ווי קען מען בכלל צוגיין צום יו"ט אן א באבאגאנוש?

פאלג מיר זאגט מיר איינער דארט שטילערהייט, געב דיך אכטונג וואס דו עסט דא מ'קען באקומען שווערע בויך ווייי.....

שווערע בויך וויי הממם ס'הערט זיך היימיש.... נישט דא קיין שאפע ווי אויפצוהענגען די בעקיטשע, א הימל געשריייי!!! ברויט מיט אייער? וואס איז דאס? כיתה ה'? די נארישע שאטעל... מ'קען זיך נישט אפלערנען יעדעס יאר נאכאמאל.... און דו ווייסט וואס איז די ערגסטע, דער קאך גבאי געבט מיר נאך עטיטוד....

# דאס און יענץ
# מיט א טיפערע
# ארייַנבליק

**ישראל דוד העסקעל**



די וואסער.... ווען מ'פאלגט מיר.... פארוואס גייט מען תשליך דארט? די פעפסי דאס וועט דא זיין ביז משיחס טאג... ביסט געפארן מיטן טשארטער? הע איך בין געפארן אליין איך האב זיך שוין אויסגעלערנט כהאב זיך געשפארט פופצן מינוט מיט צוואנציג דאלער מיר וועט מען נישט נעמען אויף א רייד....

אהההה בויך ווי ביזן הימל... ס'שפירט זיך היימיש ביז גאר, פארדעם ביסטו געקומען צום רבין? פארדעם נעמסטו א בעט אין בנין? פאר באבאגאנוש? פאר פעפסי וואס האט נאך קריספי געז? וואו איז דיר בעסער?

האסט אינגאנצן פארגעסן פונעם עיקר? זיין פרייליך אז ביסט אנגעקומען צום הייליגן רבינ'ס ציון אויף אומאן קענען זיין ראש השנה ביים רבינס קיבוץ, אייער ארויף אייער אראפ, ס'איז נאך קיינער נישט אויסגעגאנגען פאר הונגער.... פארגעסט פארוואס מיר האבן אן אייגן רואיג ווינקל אוועק פונעם גאנצן הו הא?

קענסט זיצן ארומגענומען מיט אנשי שלומינו, זיין רואיג מיט די קינדער, קענען מיטהאלטן דעם גאנצן יו"ט מיט דער ראש ישיבה, זיך אויס בעטן אויף א גאנץ יאר, קוק נישט אויף אלע שטותים וואס דער ס"מ לייגט אונטער, פריי דיך אויף דיין זכיה אז דו האסט זוכה געווען צו קענען נאך יאר קומען צום הייליגן רבין!

די קאטשעניו איז נישט געווען אזוי הארט? די לינען איז דיר נישט אזוי באקוועם, געדענק, דא איז דא א ס"מ וואס וויל נאר דיר צונעמען דיין מח ער וויל דיר זעהן זיצן ראש השנה ביינאכט און קאמפלעינען וועגן אויסגעוועפטע פעפסי, לאך אים אין פנים, ער וויל דיר מאכן מניעות, שוין אין אומאן, שוין ביים רבינ'ס ציון וויל ער נאר דיר צו שטערן דעם ראש השנה.

כאפ דיר אן דיין קאפ און פארליר נישט דיין ישוב הדעת, דער הייליגער רבי' האט געזאגט ומי שהיה אצלי על ראש השנה ראוי לו לשמוח מאד כל השנה איז דאך זיכער אז בשעתן זיין דארט אין אומאן דארף מען נאר דאס זעהן פאר די אויגן, איך בין געקומען נעמען מיין תיקון, איך בין געקומען אויסבעטן א גוט יאר, פון מיין זייט וועל איך שלאפן אויף דער ערד אין עסן שטרוי אבי צו קענען זיין ביים הייליגן רבינ'ס ראש השנה.

ר' משה ארי' זאגט: "איך בין נישט אהער געקומען צו זיין באקוועם און האבן א פיינע פלאץ, ביי מיין אלטע חסידות איז דא פון אלעס אסאך אסאך בעסער צוגעשטעלט.... איך קום דא ווייל דא באקום איך מיין חיזוק און א וועג צום לעבן." באבאגאנוש מיט אפדעיטעד ספרינגטער שאטעלס און קווין סייז בעטן מיט עגיפטישע קאטן לינען פיינע קראנטשי סאודע מיט א פרישטאג באפפעי מיט פרישע אייער שפייז איז זייער פיינע זאכן אבער העלפן אין מיין לעבן קען מיר עס נישט!

אז מ'קומט צום רבין איז מוכרח אז ס'וועט זיין אומבאקוועם, באגלייט מיט הונדערט און איין מניעות און אויב ווילסטו ווייזן די פינגער אויף ווער ס'איז שולדיג איז דא א גאנצע ליסטע.... אבער גארנישט וועט דיר נישט העלפן, דעם הייליגן רבינ'ס זאך גייט נאר מיט מניעות און נאר מיט שוועריקייטן.

לאמיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר זענען זוכה יעצט נאך א יאר קומען צום הייליגן רבין שכוח אייבערשטער אז מיר האבן אונזער אייגן ווינקל, שכוח אייבערשטער אז מיר האבן דער ראש ישיבה וואס איז אונז אזוי פיל מחזק און לערנט אונז אויס טראכטן גראד, לאמיר זיך נישט פארלירן פאר אלע זייטיגע שטותים און געדענקען פארוואס מיר זענען דא!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**

# פרנס החודש

### ניסן

### אייר

מוה"ר
**יעקב דוב כהן**
הי"ו

### סיון

### תמוז

מוה"ר
**יהודה אריה ראטה**
הי"ו

### אב

### אלול

מוה"ר
**לוי יצחק זאפיר**
הי"ו

# פרנס

מו...
**יצחק איי...**

**הרוצה ב...**

**זלמן לייב...**

**יהודה לי...**

**שלמה זלמ...**

# פרנס החודש

**תשרי**

**חשון**

**כסלו**

מוה"ר
**ישראל דוד העסקעל**
הי"ו

**טבת**

**שבט**

מוה"ר
**מרדכי היימליך**
הי"ו

**אדר**

אמפיין תשפ"ה

# השנה

יק ראטה

צילום שמו

מייזעלס

עבערמאן

גלאנשטיין

דפסה



קרית

מעשיות וואס ער

**מוהרא"ש** געטון ווען

**די אמונה** | איבער זיין

קרית יואל | **די באזוכן פון**



# היסטאריע

## קרית יואל'ס אויטענטישע היכל הקודש

**ווי אזוי האט זיך**
**געגרינדעט היכל הקודש אין**
**יואל | אינטערעסאנטע ערשטהאנטיגע**
**האט געהאט מיט מוהרא"ש | וואס האט**
**איינער האט חלילה געהאט ספיקות אין**
**'שאפט אין בית המדרש היכל הקודש**
**מוהרא"ש אין היכל הקודש קרית יואל.**

נפתלי הירצקא וואללנער

**א קורצע צייט צוריק איז אוועק די באקאנטע מרת ריזל פארקאש ע"ה וואס איז געווען באקאנט מיטן ליבליכן נאמען "באבי פארקאש" זי איז געווען גאר שטארק איבערגעגעבן צו די קהילה, ארויסצוהעלפן ווי נאר אימער עס האט זיך אויסגעפעלט, בפרט ביים בים המדרש היכל הקודש קרית יואל, וואס דארט האט זי בקביעות צוגעשטעלט די קידוש און שלש סעודות יעדן איינציגן שבת, און נאך און נאך וואס זי האט שטענדיג ארויסגעהאלפן.**

**אין די שבעה טעג פון די חשובע פרוי בין איך מיט מיין חבר מו"ה יחזקאל פריעדמאן הי"ו אריבער צו איר חשוב'ער זון הרה"ח ר' יואל פארקאש שליט"א הערן אביסל וועגן די חשוב'ע נפטרת און אביסל איבערן הערליכן בית המדרש אויף וועלכע זי האט זיך אוועקגעגעבן די לעצטע צוואנציג יאר.**

**מיר זענען אראפגעפארן צום עיר הצדק קרית יואל. אזוי פארענדיג אויף העיס קארט באמערקט מען שוין פון דערווייטענס דעם גרויסן שילד פונעם בית המדרש, מיר קומען ארויף די שטיגן צו די בית האבלים דארט ווי די חשוב'ע נפטרת האט געוואוינט די לעצטע פינף און פערציג יאר זינט קרית יואל האט זיך געגרינדעט, נאך עטליכע מינוט מנחם זיין האבן מיר זיך געטראפן אין א הערליכן שמועס ווי אזוי דאס בית המדרש איז געגרינדעט געווארן און אלעס ארום, און ווי אלעמאל - אויך יעצט ווען ער זיצט שבעה - רעדט ר' יואל מיט אזא פייער וועגן דעם הייליגן רבי'ן און וועגן מוהרא"ש, און האט אנגעהויבן דערציילן ווי אזוי מען האט איינגעפלאנצט די ערשטע קערנדלעך אינעם שטאט קרית יואל מיט צוויי און צוואנציג יאר צוריק וואס איז היינט אויסגעשטאנען אלס א לייכט טורעם פאר די גאנצע אומגעגנט, מיט עטליכע בתי מדרשים אין שטאט, מיט צענדליגער מקורבים א דאנק דעם.**

**בדרך אגב איז כדי צו דערמאנען אז מיר האבן שוין געהאט א שמועס מיט הר"ר יואל אינעם בלעטל פון 'פרשת בשלח', ווי ער פארציילט זיין סיפור התקרבות און איבער די הפצה וואס ער טוט, ביים יעצטיגן שמועס האט ר' יואל ארומגערעדט איבער די כראנאלאגישער סדר פונעם בית המדרש דער גאנצער סדר ההשתלשלות.**

●

שכח אייבערשטער אז איך בין מקורב צום הייליגן רבי'ן און איך שעפ מיין גאנצע חיות פון מוהרא"ש. פון ווען איך בין מקורב געווארן און איך האב זיך דערוויסט אז מוהרא"ש געבט א וועכענטליכע שיעור אין בארא פארק, האב איך ברוך השם כמעט נישט פארפאסט קיין שיעור ביז צו זיין הסתלקות. אזוי ווי איך פארמאג דאך נישט קיין קאר בין איך געפארן צוזאמען מיט עטליכע אינגעלייט פון קרית יואל צום שיעור.

אזוי איז דאס אנגעגאנגען א לאנגע צייט, אבער די זאך איז אונז נישט אריין אין קאפ אז מיר קענען עפענען אן אייגענע שטיבל אין קרית יואל.

ביז איינמאל האב איך געהאט גוטע שיחות חברים מיט איינער פון אנשי שלומינו און ער האט מיר זייער מעורר געווען פארוואס מען קען זיך נישט צוזאמנעמען כאטש אויף שלש סעודות, און זיינע דיבורים זענען מיר אריין אין הארץ, איך האב אנגעהויבן אנווארעמען די אינגעלייט מען זאל זיך אנפאנגען צאמקומען.

## איז ווען איז טאקע געווען די ערשטע מאל ווען מ'איז זיך צאמגעקומען בשבת אחים גם?

די ערשטע מאל ווען מען זיך צוזאמגעקומען אויף א שלש סעודות איז געווען זומער תשס"ב, ס'איז פארגעקומען אין מיין דירה אויף די לובלין גאס ווי איך האב זיך דאן געגרייט אריינצוזופן, און דארט איז עס טאקע אנגעגאנגען ביז איך האב אריינגעמופט. דערנאך איז מען יעדע וואך פארוואגעלט געווארן ערגעץ אנדערש, געווענליך איז מען זיך צאמגעקומען אין די דירה פון מיין זיידע רבי נתנאל פארקאש ע"ה אין די מושב זקנים הייזער אויף פארעסט רד, וואס ער איז נפטר געווארן אפאר יאר פריער. מיין באבע איז געווענטליך נישט דארט געווען אויף שבת, ממילא איז דאס געווען א שטיקל פראוויזארישע פלאץ, אבער קיין מסודר'דיגע געהעריגע פלאץ האט מען נאך נישט געהאט.

די חבורה האט זיך דאן אנגעהויבן מיט געציילטע אינגעלייט מען איז זיך צוזאמגעקומען יעדע וואך ווי איינער פון אונז האט גערעדט, עס איז געווען מורא'דיגע התחזקות, ווייל אז מען רעדט פון רבי'ן ווערט מען אזוי ווי ניי געבוירן.

ביז איין מוצאי שבת נאכן צוזאמקום האט מו"ה יואל פריעדלענדער הי"ו אויסגעקלאפט ער מאכט אן אפיל, יעדער איינער זאל זיך אנשליסען אין אפאר מינוט התבודדות אז מען זאל טרעפן א באקוועמע פלאץ לרווחת הציבור.

אינצווישן האט פאסירט אן עקסידענט מיט מיין טאטע הרה"ח ר' אברהם חיים שליט"א ל"ע ווי ער האט געדארפט דורכגיין א קאמפליצירטע באהאנדלונג און ער האט נישט געקענט גיין אין בית המדרש, האט מען דאן געמאכט א מנין פרייטאג צו נאכט און אויף שלש סעודות ביי מיין טאטע אינדערהיים וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען אנשי שלומינו דאווענען מיט מיין טאטע, אבער שבת אינדערפרי און מנחה שבת נאכמיטאג האט מען נאכנישט געדאווענט, ווייל מען האט נישט געקענט שאפן א ספר תורה און א געהעריגע פלאץ דאס צו האלטן.

## ווען האט זיך אוועקגעשטעלט דעם בית המדרש אויף העיס וואס שטייט היינט לשם ולתפארת?

דאס איז געווארן ווען מיין ברידער מו"ה מאיר דוד הי"ו איז געווארן מורא'דיג אנגעוואורעמט פאר די זאך, איך דערמאן מיך פון יענע צייטן ווי ער האט אנגעהויבן וועבן פלענער צו לאזן בויען א גרויסער בנין אויפן שטח הארט נעבן די יעצט עקזיסטירנדע בית המדרש, פארשטייט זיך אז מו"ה יואל הכהן הי"ו - וואס קומט אלץ אריין אין יעדע פראיעקט העלפן - איז אויך געווארן שטארק אקטיוו אין דעם פראיעקט, ווי צוזאמען מיט ר' מאיר דוד איז מען דורכגעגאנגען יעדע דעטאל. למעשה ווען מען האט אריינגעגעבן די פלענער פאר די שטאטישע אינסטאנצן האט זיך דאס אנגעהויבן ציען יעדעס מאל מיט אנדערע סיבות און פארשריפטן, ביים סוף איז דאס נישט צושטאנד געקומען, איך האב נאך די סקיצע פון דעם בנין ביי מיר...

אויף יום כיפור תשס"ו ווען מיין טאטע האט נאכאלס נישט געקענט גיין אין בית המדרש האט מען באשלאסן אז מען גייט מאכן א מנין, מען האט געשאפט די ספר תורה וואס מיין זיידע רבי נתנאל ע"ה האט געלאזט שרייבן און מען איז זיך צוזאמגעקומען דאווענען אלע תפילות ביי מיין טאטע אינדערהיים, עס איז געווען זייער א ווארימע דאווענען מיט שיינע בעלי תפילות.

יענעם יאר איז אויסגעפאלן א שבת צווישן יום כיפור און סוכות, און וויבאלד די טענענט העכער מיין טאטע'נס הויז האט זיך נארוואס געהאט ארויסגעצויגן, איז איינגעפאלן פאר מיין ברידער ר' מאיר דוד צו אריבערפירן די מנין ארויף אויבן. ער האט דאס אנגעטראגן פאר מיין טאטע זאל זיין געזונט און פאר מיין מאמע ע"ה, זיי האבן גלייך מסכים געווען אוועקצוגעבן די דירה פארן בית המדרש.

ערב שבת ווען דאס איז באשטעטיגט געווארן האבן זיך די טייערע אינגעלייט מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו און מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א גענומען צו די ארבעט מיט א פלייסיגקייט און א אימפעט, מען האט געבראכן ווענט און צוגערישט אז איין צימער כאטש זאל שוין זיין גרייט צו דאווענען פאר שבת קודש.

איך פון מיין זייט האב איך גארנישט געוויסט פון דעם נייעם פלאן, ווען איך בין אריינגעקומען צו מיין טאטן אינדערהיים דאווענען פרייטאג צו נאכטס, זאגט מען מיר אז איך זאל ארויפגיין אויבן, פון היינט און ווייטער דאווענט מען נאר אויבן. דאס איז געווען א ספעציעלע איבערראשונג פאר מיר, איך האב זיך זייער געפריידט צוזענדיג ווי נאך אזויפיל תפילות וואס אנשי שלומינו האבן מתפלל געווען האט דער אייבערשטער געהאלפן און עס איז ענדליך פאקטיש פארווירקליכט געווארן, מיר האבן שוין ברוך השם א אייגענע בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל.

ווי א וואך שפעטער האט מען עס פארגרעסערט, מען האט אריינגענומען נאך צימערן, ווער עס האט נאר געהאט הענט און פיס האט צוגעלייגט א פלייצע צו די ארבעט. פארשטייט זיך אז מען האט איבערגעגעבן די גוטע נייעס פאר מוהרא"ש, און ער האט זיך כסדר












נאכגעפרעגט אויף יעדן דעטאל פונעם בוי פראיעקט, און אונז פונקטליך אנגעוויזן ווי אזוי צו בויען דעם בית המדרש, ווי צום ביישפיל אז מען זאל מאכן פענעל'ס און מאלדינגס אזוי ווי ס'איז היינט אוועקגעשטעלט.

## ווען איז מען אויפגעקומען מיטן געדאנק אז אייער טאטע זאל שרייבן א ספר תורה פארן בית המדרש און דורכדעם האבן אן אייגענע ספר תורה?

נאכן שוין האבן אן אייגענעם בית המדרש, האט מיין טאטע זיך גענומען שרייבן א ספר תורה ביי א חשוב'ן סופר א ברסלב'ן חסיד מיט א הערליכן כתב. ווען דער ספר תורה איז שוין געווען גרייט אריינצוגעבן צום בית המדרש, איז מען אריבער צו די רבנים פון שטאט ארייצושרייבן אן אות ווי דער מנהג איז, ווי פארשטענדליך איז דער עיקר כוונה דערפון געווען מען זאל קענען מער פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס נאמען אין דער וועלט, מען איז צום רב פון קרית יואל, וואו א גרויסער עולם איז געווען פארזאמעלט זייענדיג דאן אין די בנין המתיבתא, ווי ער האט אונז פונקטליך אויסגעפרעגט וועגן דעם בית המדרש, און האט זיך מתנצל געווען אז ער גייט נישט זיין אין שטאט בשעת די הכנסת ספר תורה. ער האט געווינטשן פאר מיין טאטע דער נדבן הספר אז דער ספר תורה זאל אריינגעגעבן ווערן ברוב פאר והדר אין א מזל'דיגע שעה.

דערנאך איז מען אריבער שרייבן אן אות ביי הגה"צ רבי געציל בערקאוויטש שליט"א דומ"ץ קרית יואל - בעל אגלי דבש, וואס ער איז כידוע שטענדיג זייער משבח די ספרים פון מוהרא"ש, און האט אונז זייערווארעם אויפגענומען, ער האט געפרעגט צו מוהרא"ש גייט זיך משתתף זיין ביים הכנסת ספר תורה, וויל אויב יא וויל ער קומען. ער האט אונז דאן מורא'דיג מחזק געווען מיר זאלן זיך נישט שרעקן פון קיינעם מיר זאלן זיך האלטן זייער שטארק, און געוואונטשן ברכות לרוב מיט גרויס ווארעמקייט.

## ווען איז טאקע פארגעקומען די שיינע הכנסת ספר תורה אויף די גאסן פון קרית יואל?

מוצאי שבת פרשת בא תשס"ז - ווען דאס בית המדרש איז שוין געווען פולקאם גרייט כלול בהדרו - איז געפראוועט געווארן מיט גרויס פאראדע דער פרייליכער חינוך בית המדרש צוזאמען מיט די מעמד חגיגת הכנסת ספר תורה וואס איז באשיינט געווארן דורכן מייסד הבית המדרש ומנהיג העדה מוהרא"ש זי"ע.

דער תהלוכה איז ארויס פון פופצן העיס קארט דארט ווי עס איז געווען מיין זיידע'ס דירה, די גאסן ארום זענען געווען אפגעשפארט פאר פארקער, מוהרא"ש איז געגאנגען אויפן גאס פון מיין זיידע'ס דירה ביז'ן בית המדרש, אין די באגלייטונג פון צענדליגער הונדערטער אידן מיט פאקלען אין די הענט לכבודו של תורה, ביז מען איז אנגעקומען אין בית המדרש. מה נהדר היה המראה ווען מען האט זוכה געווען צו זען ווי אזוי מוהרא"ש טאנצט מיט די הייליגע תורה, ס'האט געהאט אלע חן, די שמחה איז געווען גאר גרויס.

אויך האבן זיך באטייליגט די דייני ורבני העיר, ווי צום ביישפיל הגה"צ רבי העניך אשכנזי אב"ד ביהמ"ד אבני צדק שכונת עצי תמרים בשליחות פון זיין שווער אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א, הגה"צ רבי שמחה שלום שטיינבערג שליט"א אב"ד בית המדרש דברי חיים, הגה"צ ר' שמעון משה וואלדמאן ז"ל דומ"ץ בני יואל, הגה"צ אב"ד בעהוץ שליט"א, הרה"ג רבי יוסף צבי סופר שליט"א מו"ץ בקהילת סאטמאר, און נאך חשוב'ע רבנים און דיינים.

## וואו איז פארגעקומען די סעודת מצוה לכבודה של תורה?

די סעודה איז פארגעקומען אין בית המדרש ווי עס האבן אויפגעטרעטן מיט דרשות רבנים און דיינים און קרובי משפחה, ווי אלע האבן פה אחד ארויסגעברענגט בשבח פון דעם בית המדרש. ביים סוף האבן מיר געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש, צווישן די ווערטער האט מוהרא"ש ארויסגעברענגט אז מען האט פון אלעם גערעדט חוץ פון איין נקודה, אז דער בית המדרש געפונט זיך אויף אזא הייליגן פלאץ אין קרית יואל וואס איז נתייסד געווארן דורך דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע, מוהרא"ש האט זייער מאריך געווען אין דעם נקודה.



אינמיטן די דרשה - וויבאלד עס איז שוין שפעט געווארן - האט דער דיין הגה"צ רבי געציל בערקאוויטש שליט"א זיך מתנצל געווען פאר מוהרא"ש אז ער איז געצווינגען אנטייל צונעמען אין נאך שמחות במילא דארף ער שוין גיין, און ער האט דאן געזאגט ברבים אז די ווערטער וואס מוהרא"ש האט געזאגט איז אמת ויציב, דער מייסד העיר דער רבי זכותו יגן עלינו האט א מורא'דיגן נחת רוח אז אין זיין שטאט געפונט זיך אזא הייליגער בית המדרש.

וואס זאל איך אייך זאגן?... דער אפקלאנג וואס דער מעמד האט געהאט איבערן שטאט קרית יואל איז געווען געוואלדיג שטארק, דער קידוש השם וואס איז פון דעם ארויסגעקומען איז געווען אויסטערליש גרויס.

איך וויל דא ציטירן א שטיקל וואס מוהרא"ש שרייבט אין א מכתב כללי פאר אנשי שלומינו אין יבנאל א טאג דערויף, זונטאג בשלח תשס"ז, וואס פון דעם קען מען אביסל פארשטיין די געוואלדיגע הנאה און נחת וואס מוהרא"ש האט געהאט דערפון, מוהרא"ש שרייבט; "נעכטן ביינאכט מוצאי שבת איז פארגעקומען אן הכנסת ספר תורה אין איינע פון מיינע קהילות דא אין אמעריקע, מען קען זיך נישט פארשטעלן און אפמאלן ווי שיין דאס איז געווען, הלוואי זאל איך ביי ענק זען די אחדות און ליבשאפט וואס איז דא געווען, דער שמחה און דער מסירת נפש איז געווען א נחת צו זען און צו הערן, אזא שיינע שמחה מען האט געזינגען און געטאנצן. איינער האט מיטגעטיילט מיטן אנדערן זיינע שיינע מעשיות, איך האב ממש געזען נחת". עס איז כדאי אריינצוקוקן אין דעם בריוו מיט די אייגענע אויגן, זען און פארשטיין ווי ווייט מוהרא"ש האט געקוועלט פאר נחת פון דעם געשעעניש.

ברוך השם אז פון דאן האט זיך דער בית המדרש נאר צוואוואקסן און צובליעט, ווי אין לויף פון די יארן האבן זיך ברוך השם דא אדורכגעדרייט צענדליגער און הונדערטער אידן, וואס האבן זיך אנגעווארעמט מיטן הייליגן רבי'נס דיבורים לויט ווי מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש.

## אויב איר קענט אונז דערציילן פון די ערשטע יארן וויאזוי מ'האט זיך געפלאגט מיט מנין און וויאזוי מ'האט דאס אדורכגעשוויצט.

אנפאנג האבן מיר זיך זייער געפלאגט מיט מנין, איך געדענקט איינמאל בין איך אריין צו מוהרא"ש זיך מזכיר זיין אז מ'פלאגט זיך זייער מיט מנין, ס'איז בכלל נישט געווען אזוי לייכט און אנגענעם ווען מען דארף שטיין אויפן גאס און אריין שלעפן מענטשן, א זיבעטער א אכטער א ניינטער, און ווען דער צענטער

קומט שוין ענדליך, אנטלויפט שוין דער זיבעטער האט מיר מוהרא"ש אנגעווינטשן 'דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין מנין'. פון דעמאלט איז געשען א וואונדערליכע זאך, אז יעדע וואך אונטערגעקומען מענטשן און מען האט געהאט ברוך השם גרויס מנין.

א שטיק צייט שפעטער איז אויסגעקומען אז מוהרא"ש האט מיך געפרעגט צו ס'איז שוין מסודר מיט מנין, האב איך געענטפערט אז יא, דער אייבערשטער האט געהאלפן ס'איז שוין דא גרויס מנין יעדע וואך. זייט דעמאלטס האט מען זיך אנגעהויבן צוריק פלאגן מיט מנין אזוי ווי פריער...

אזוי האט דאס אנגעהאלטן פאר א שטיק צייט, ביז איך נאכאמאל געלאפן צו מוהרא"ש מזכיר זיין די פראבלעם מיט מנין, האט מוהרא"ש נאכאמאל אנגעווינטשן, און וואונדער איבער וואונדער עס האט ווייטער אנגעהויבן צו קומען אידן ממש פון אונטער דער ערד! אזוי האט זיך עס איבער געשפילט עטליכע מאל! ביז איך האב געכאפט אז ווי לאנג מוהרא"ש שטייט און בעט פאר אונז אז דאס בית המדרש זאל האבן מנין איז דא מנין, און ווען מוהרא"ש הערט אויף צו מתפלל זיין פאר אונז איז שוין ווייטער נישט דא קיין מנין...

## זייער אינטערעסאנט צו הערן די גאנצע געשיכטע פונעם בית המדרש. יעצט וואלטן מיר געוואלט הערן אויב איר קענט פארציילן עפעס א מעשה וואס איר האט מיטגעהאלטן ביי מוהרא"ש זי"ע.

ביי אונז איז געווען א פשוטע זאך אז מוהרא"ש קען יעדנ'ס מצב, למשל איך פלעג יעדע וואך אריינפארן צום שיעור מיט אנשי שלומינו צוזאמען, אויפן וועג האט זיך געמאכט אז מען האט גערעדט און זיך גע'טענה'ט איבער פארשידענע ענינים, דאן ביי די שיעור פלעגט מוהרא"ש אונז אלעס אזוי שיין אויסקלארן און פארענטפערן.

אנפאנג איז עס נאך געווען פאר אונז א חידוש, במילא פלעגן מיר זיך בשעת מעשה אנקוקן איינער צום אנדערן, אז יעצט רעדט מוהרא"ש פון די זאך וואס מיר האבן גערעדט אויפן וועג, אבער מיט די צייט איז דאס שוין געווארן ביי אונז אזא דבר פשוט אז מוהרא"ש רעדט פון דאס וואס מיר האבן גערעדט פאר דעם.

נאך אן אינטערעסאנטע זאך איז געווען ביי מוהרא"ש, אז אויב איינער האט נאר אפילו 'געטראכט' קשיות אויף די אמונה אדער אויף צדיקים, פלעגט מוהרא"ש מקפיד זיין עס תיכף צו פארענטפערן, כדי אז מען זאל זיך נישט חלילה ארומדרייען מיט קשיות אויפן אייבערשטן.

א ביישפיל וואס האט זיך אפגעשפילט ביי מיר, איינמאל האב איך געטראכט צו מיר פארוואס דוקא צווישן די חסידות'ן שלאגט מען זיך אזוי, און מען איז אזוי פארנומען מיט מחלוקת דער אייבערשטער זאל אפהיטן? ביי דעם קומענדיגן שיעור האט זיך מוהרא"ש אנגערופן קוקנדיג אויף מיר "אז מען זעט ביים תנא רבי עקיבא וואס ער האט די מערסטע געלערנט דעם כלל פון 'ואהבת לרעך כמוך', דאך האבן זיינע תלמידים נישט אנגענומען דעם לימוד פון זייער רבי'ן, און זיי זענען טאקע אויסגעשטארבן צווישן פסח אין שבועות, נישט אז דער רבי האט עס נישט געלערנט מיט זיי, נאר זיי האבן דאס נישט אויפגעכאפט און מקיים געווען." דאס איז געווען זייער אינטערעסאנט פאר מיר, ווייל איך האב פאר קיינעם נישט געזאגט אז איך האב אזא קשיא, און דא האט מיר מוהרא"ש אזוי וואונדערליך פארענטפערט.

און דאס גייט אויך היינט, אויב האט מען א שאלה בשעת'ן שיעור, טרעפט מען זיך נאכן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א אז אלעס איז אזוי וואונדערליך פארענטפערט.

## ווען האט איר דערקענט אז איר האט א כוח הדיבור און א כוח ההשפעה אויף אנדערע?

דאס איז געווען נאך פאר מען איז זיך בכלל צוזאם געקומען מייסד צו זיין דעם בית המדרש, האבן מיר מיינע חברים געבעטן אז איך זאל פארלערנען פאר זיי א שיעור אין ליקוטי מוהר"ן, ביז איך געגאנגען פרעגן מוהרא"ש אויב איך זאל עס טון און וואס זאל איך זיי זאגן? ווייל איך בין אינגאנצן נישט געווען געוואוינט צו אזעלכע זאכן פארצולערנען פאר אנדערע, פארקערט איך בין אלץ געווען מער צוריקגעצויגן, אבער מוהרא"ש האט מיר זייער מחזק געווען אז איך זאל רעדן צו זיי פון רבי'ן.

איך האב דעמאלטס פארשטאנען פון מוהרא"ש אז ביים רבי'ן דארף יעדער איינער רעדן, עס איז נישט שייך ביי דעם קיין גאווה, ווייל אז איינער דרש'נט דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער האט דער ס"מ זייער נישט ליב, קיין גאווה ווערט שוין נישט האבן, איין זאך יא הלוואי זאלסטו נאר אנגיין נאכדעם ווען מען הייבט אן מאכן ליצנות פון דיר, און ווען דו האסט אזויפיל חלישות הדעת דעמאלטס זאלסטו נאר רעדן ווייטער, דער רבי זארגט זיך שוין אז מען זאל ח"ו נישט צוקומען צו גאווה. ווען דער רבי איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האט ער



דאך אהיימגעברענגט א מתנה 'מחלוקת', יעצט קענסטו שוין לערנען און דאווענען א גאנצן טאג און אפילו רעדן ברבים, קיין בעל גאוה וועסטו שוין נישט זיין.

## צום שלוס וואלטן מיר געוואלט בעטן איר זאלט ענדיגן מיט א ווארט פאר די חשובע ליינער:

איך וואלט געענדיגט מיט א קליינע נקודה אז ווער עס וויל זיך דערהאלטן און קענען אנגיין אין אלע פונקציעס פון לעבן, זאל לערנען אסאך 'אשר בנחל' און 'עצתו אמונה', אז א מענטש לערנט אסאך די צוויי ספרים, וועט ער זיך קענען דערהאלטן אין לעבן און זיכער איין טאג ווערן א גרויסער ערליכער איד. מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל אז ווער עס לערנט אשר בנחל וועט זיך קענען שטענדיג דערהאלטן און ער וועט קיינמאל נישט אראפפאלן פון קיין שום זאך אין דער וועלט.

אויך שרייבט מוהרא"ש אין אשר בנחל (חלק ל"ז מכתב ו. רל"ד) איינמאל עס איז שוין ארויסגעקומען די הייליגע ספרים "אשר בנחל" קען זיך א מענטש מער נישט אפרעדן אז ער קען נישט איבערטראגן די צרות וואס ער האט, ווייל טאמער ער וואלט ווען געלערנט אשר בנחל וואלט ער געהאט חיזוק אויף אלעם; די חיזוק וואס ס'איז דא אין אשר בנחל און אין עצתו אמונה איז נישטא אין קיין שום ספר אין דער וועלט, זאל דאס יעדער איינער אליין אויספרובירן וועט ער זיך אליין איבערצייגן.

איך האף אז פון די שמועס וועט ארויסקומען א טובה פאר די נשמה פון מאמע ע"ה וואס האט אזויפיל געטון פארן בית המדרש. אז מען קען לערנען לע"נ מיין מאמע הכ"מ מרת ריזל בת חנניה יו"ט ליפא, בין איך זיכער אז עס וועט זיין א געוואלדיגע טובה פאר די נשמה.

**בשם אלע ליינער ווילן מיר אייך געבן א ברכת תנחומין, דער אייבערשטער זאל אייך טרייסטן, מען זאל שטענדיג הערן נאר גוטע בשורות, און איר זאלט ווייטער קענען משפיע זיין און האבן די כוחות צו אריינברענגן דעם רבינ'ס עצות אין די גאנצע וועלט.** ■







# היכל הלכה



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

### סי' רס"ג סעיף ה'

**נ"ג.** א פרוי וואס איז געווען אן אונס, ווי למשל זי איז געווען אין א טרעפיק, און ווען זי וויל צינדן איז שוין די שקיעה, ווען מ'טאר שוין נישט טון קיין מלאכות. אדער למשל זי איז פארשלאפן די זמן פון צינדן. אדער דער זייגער איז געווען צובראכן, זי האט נאך געמיינט אז ס'איז נאך דא צייט ביזן זמן, און ביז זי כאפט זיך איז שוין נאך די שקיעה

אדער זי איז געווען א שוגג, זי האט פשוט פארגעסן צו צינען, און ווען מ'דערמאנט זיך איז שוין די שקיעה, אדער מ'קוקט אויף די לוח ווען די זמן איז און בטעות האט מען געקוקט אויף א אנדערע סדרה, איז די הלכה אזוי: ביז נאכט [דאס הייסט די זמן פון מוצאי שבת - רבינו תם] 72 מעג מען זאגן פאר א גוי צו אנצינדן די שבת לעכט. 73

**נ"ד.** איינמאל עס איז שוין נאכט מעג מען שוין נישט זאגן פאר א גוי. 74

**נ"ה.** אויב האט מען געסט למשל מ'מאכט א שמחה אינדערהיים, און מ'שעמט זיך זייער שטארק אז מען האט נישט געצינדן קיין שבת לעכט, קען מען מקיל זיין און זאגן פאר א גוי ער זאל עס אנצינדן אפילו עס איז שוין נאכט. 75

**נ"ו.** איינמאל עס איז שוין נאכט מעג מען שוין נישט זאגן פאר א גוי. 76

**נ"ז.** ווען דער גוי צינדט קען זי מאכן די ברכה 77 און מ'מאכט די ברכה נאכן צינדן אזוי ווי יעדע וואך

**נ"ח.** אז מען האט פארגעסן צו צינדן און דער גוי האט געצינדן אנשטאט, דארף מען נאכדעם נישט צולייגן קיין לעכט. 78

**נ"ט.** מ'דארף געדענקען וואס דער הייליגער בעל התניא זי"ע שרייבט אין א בריוו (געדריקט אין שו"ע התניא פון אינטן) בנוגע דעם ענין אויב עס האט זיך געמאכט אז מען האט נישט אנגעצינדן די שבת לעכט, און מען האט זיך געדארפט פארלאזן ווי אויבן דערמאנט צו צינדען דורך א גוי, אז נאכדעם וואס מען האט געטון וואס מען דארף יעצט צו טון, וז"ל והוי-ה יכפר לה - דער אייבערשטער וועט איר מוחל זיין, ותבוא עליה ברכת טוב - און עס וועט קומען אויף איר גוטע ברכות, ותקבל שכר על הפרישה - זי וועט באקומען שכר אויף דעם וואס זי האט זיך אפגעשיידט, דאס הייסט אז זי האט נישט געצינדן, ווייל דאס איז יעצט רצון ה'

**ס.** אויב א פרוי שפירט נישט גוט און זי קען נישט אליינס צינדן קיין שבת לעכט, און זי שטעלט א שליח זאל צינדן פאר איר, קען זי אליינס מאכן די ברכה. 79

## מקורות והערות

72) ביי אונז וואס מען האט אנגענומען דעם זמן רבינו תם פארן עיקר זמן, מעג מען הייסן א גוי אנצוצינדן די לעכט ביז זמן רבינו תם, ווייל ביז דאן הייסט נאך בין השמשות.

73) מקורו ממג"א סקי"א, בשם מהר"ש בשם מהר"ם, והמה כתבו זה לכתחילה דכשיש חופה יכולה לעשות כן להדליק על ידי גוי, אבל מג"א מסיק דבדיעבד יכולה לעשות כן, עיי"ש מחצית השקל

74) כי אז הוי איסור דאורייתא, באמירה לעכו"ם דהיינא שבות גרידא, ובסימן רע"ו סעיף ב' כתב רמ"א ע"ד בעל העיטור דמתיר לומר לגוי להדליק נר לסעודות שבת, ויש להחמיר במקום שאין צורך גדול, דהא רוב פוסקים חולקים על סברא זו, ובמ"ב סקכ"ד בשם השל"ה הקדוש החמיר אף בצורך גדול. בשו"ת דעת כהן (סי' ו' אות ב') דהלכה למעשה דמותר אמירה לעכו"ם בשביל תפילה דרבים, או תלמיד תורה דיחיד, אבל בענינינו אסור, כי להיום יש לעקטע"ר וממילא לא ישב בחושך אם אין מדליקין נירות, מילא אין כאן כ"א היתר לצו' מצוה גרידא, מילא קשה להקל, כיש"כ ברמ"א

75) דאז הוי כבוד הבריות, וגדול כבוד הבריות שדוחה איסור מדרבנן - וכ"כ בשו"ת באר משה, וכ"כ בשו"ת נשמת שבת ח"ה סי' ק"ז.

76) במג"א כתב, ומ"מ סגי דנר א', דהיינו דאינו מותר לגוי להדליק יותר מנר א': אבל בהג' רעק"א בסי' רס"א כ', ואחר העיון נ"ל, דמג"א קאי אמי ששכחה ולא הדליקה עד שחשיכה והוי לילה, די"א דגם בכה"ג מותרת לומר לנכרי להדליק נר כדי שלא ישבו בחושך ועז"כ דסגי בנר א', אבל בבין השמשות יש לומר דהותר אפילו בהרבה נירות דהא מיקרי צורך שבת, וכן כ' בשו"ת דברי מלכיאל ח"ד סוף סי' ה', והתורת חיים סקי"ד ד"ה ומה, ובסי' רס"א סק"ח

77) כאן יש מביכא גדול בפוסקים, רעק"א בהג' שואל איך יכולה לברך על מעשה גוי הא אין שליחות לגוי? וציין להל' טבילת כלים סי' ק"כ יו"ד טו"ז סקי"ז, דכשגוי טובל אעפ"י דהטבילה מהני אבל ד' טו"ז דאין הישראל יכול לברך וה"ה כאן

אבל למעשה בשו"ע התניא בקונטר"א בכה"ג, וכן כ' בפנים בשו"ע שלו סעיף י"א דהיא מבורכת.

78) דסוף סוף אנן מקילינן דמותר לה לברך, מאיזה טעם שיהיה הוי, הוי כאילול הדליקה ואי"צ להוסיף נר, ופשוט הוא.

79) במ"ב סקכ"א כ' בשם דרך החיים דישראל המדליק בשליחות ישראל אחר לא יברך המשלח, אלא השליח, אבל האחרונים הסכימו דבמקום עגמת נפש וכדומה יש להקל, ע"ד הפוסקים דיברך המשלח, דהיינו כמו שצצדנו דיכול לברך כשהגוי מדליק

לזכות נפתלי הירצקא בן רחל גיטל לאה להצלחה בכל ענינים

פאר די
# ברסלב'ע
שטוב

# וואו ביסטו ביי ונתנה תוקף?!








קרית ברסלב בלעטל
וואונטשט אלע חשובע משפחות
א גוט געבענטשט יאר

א מעשה מיט
א גראז שניידער

שיעור אין גראמען:
אין געריכט זאל



# שיינער אין גראמען

ש.ג. פליישמאן

צו הערן די
גאנצע שיעור
רופט
212-444-9169
1-2
(א"י -079-70
(400-69

## אין געריכט זאל

צובראכן ער איז,
געטון דעם שטות,
זיצן ער מוז.

געשטרויכלט פארלעצט,
און ערנסטע געזעץ,
אונטער גראטעס יעצט.

ער פארפירט און וויינט,
איך האב נישט געמיינט,
איך וועל וויסן פון היינט...

פארן שופט ער שטייט,
מיט תחנונים רייד,
פליז, נאך א געלעגנהייט...

איך בין זיך מודה ומתוודה,
געטון שלעכטס אוודאי,
דאך, שענק מיר גענאדע...

דער שופט אויף זיין טראן,
קוקט אים ביז אן,
"נישטא קיין תשובה טאן!

להבדיל פארקערט,
דער אייבערשטער באגערט,
דיין ווידוי ער הערט!

מיטן אייבערשטן שמועס,
דיין הארץ אויסגיס,
זיי מיר מוחל פליז...

פון מיין זייט ס'איז,
געווען א נארישע שטות,
איך האב נישט געוואוסט...

קער מיר נישט אום ליידיג,
"ביטע באגנאדיג,
איך וועל שוין זיין א צדיק...!"

אויף זיין כסא מלוכה,
ער הערט אויס יעדע שיחה,
און געבט דיר פולע סליחה.

מיין אייניג ליב קינד,
איך מעק דיר אויס דיין זינד,
הייב אן פון ניי אצינד!



### א מעשה מיט

# א גראז שניידער

ג. פעקעטע

די אויוון פייפט, די קינדער טאנצן ארום, די וועש הענגען, און איך טרעף זיך ערגעץ אינדערמיט. איך לויף אהין און אהער ווי א טשיקן אן א קאפ, איך פרוביר צו טון די בעסטע וואס איך קען, איינס נאך די אנדערע, אלס א אידישע מאמע פון געזונטע קינדער.

ס'איז געווען א געהעריגע זומערדיגע נאכמיטאג, די קינדער זענען אהיימגעקומען פון דעי קעמפ, די בריעף קעיסעס זענען געפלויגן איבעראל, די נאסע וועש האבן ארויסגעליעקט פון יעדנ'ס זעקל, די טאפ האלט ביים איבעררינען, די בעבי ווארט מ'זאל אים קומען מסדר זיין.

אזוי אינמיטן די גאנצע באלאגאן זע איך די טיר איז ברייט אפן, און דארט אין פארנט פון מיינע אויגן שטייט א גוי. איך האב זיך אזוי דערשראקן פאר איין מינוט, איך האב נישט פארשטאנען וואס דער מענטש זוכט דא, און ווער דאס איז. מיט איין קינד אויף מיין ארעם, און איין קינד וואס הענגט אויף מיין סקורט, גיי איך צו די טיר, און איך פרעג: "וואס זוכסטו דא? וואס דארפסטו? ווענען זוכט מען?" ער קוקט מיר אן מיט בייזע אויגן און שטרעקט אויס א געלע צעטל. איך קוק ארויף אויף דעם, און איך פארשטיי נישט וואס ער וויל.

איך פרעג אים איבער: "וואס ווילסטו?" זאגט ער: "איך קום פון א קאמפאני וואס הייסט 'גרינע גראז לענדסקעיפינג' און איך קוק ווייטער אויף אים, איך פארשטיי נישט וואס ער וויל. ווען ער האט געזען אז איך ווייס נישט וואס ער וויל האט ער מיר געזאגט די נאמען "איך קום בשליחות פון דזשאן."

יעצט האב איך שוין אנגעהויבן אביסל צו פארשטיין וואס ער וויל. איך האב באמערקט אז ס'איז מער פון איין געלע צעטל, ס'איז א גאנצע פייל פון געלע פעיפערס, מיט בילס, יעדע איינס האט אויף די רעכטע זייט נומבער'ס 4,6,5,1,3,4, און אזוי ווייטער. יעדע ביל האט אויף דעם מיין נאמען, און מיין מאנ'ס נאמען, מיין אדרעס, מיין טעלעפאן נומער, און א גאנצע לאנגע מגילה אויף די ביל וואס ער וויל דא.

נאך אביסל אהין און צוריק, צווישן די קינדער'ס געשרייען, די פייפנדיגע אויוון וואס מ'האט געדארפט גיין אויסלעשן, דער קינד וואס האט געווארט מען זאל אים קומען מסדר זיין, די בעבי האט זיך אויפגעוועקט און אנגעהויבן שרייען,

האב איך פארשטאנען אז דער מענטש וואס שטייט ביי מיין טיר קומט דא צו מיר מאנען געלט, פון די קאמפאני 'גרינע גראז לענדסקעיפינג'.

זאג איך אים: "איך פארשטיי נישט וואס דו ווילסט פון מיר, איך האב שוין באצאלט מיינע ביל'ס א לאנגע צייט צוריק, וואס ווילסטו יעצט?" הייבט ער אן א גאנצע טענה'ריי אז מען איז אים שולדיג די גאנצע פייל מיט ביל'ס



פארציילט ער אז דזשאן האט געארבעט אפאר יאר פאר מיר, און געשניטן די גראז יעדע וואך צוויי, קעיר גענומען פון וואס מען דארף קעיר נעמען, און געגאנגען זיין וועג. יעדע פאר וואכן האט ער אויך ארייינגעקלאפט און מיר געבעטן צו באצאלן, און איך האב אים טאקע באצאלט. איינמאל האט ער מיר גערופן אויפן פאון, אז מ'זאל אים באצאלן, איך האב אנגעגרייט זיין געלט, און עס געלייגט אין די פאסט באקס, ווי ער איז עס דערנאך געקומען נעמען.

ערגעץ אינמיטן איין זומער, איז דער דזשאן געווארן זייער קראנק אויף אלע גוים געוואונטשן, און וויפיל איך האב איך גערופן קום ענדיגן שניידן די גראז, די גראז איז הויעך, עס איז פול מיט צווייגן, פול מיט בלעטלעך, מ'דארף דא פעטשן, און דא דארף מען מאלטשן, האט ער מיר נישט אויפגעהויבן די טעלעפאון. אזוי איז אריבער וואכן, און פון נישט שניידן די גראז, און נישט אויפהייבן די בלעטלעך און אזוי ווייטער, האט די גראז אנגעהויבן ווערן אפגעשוואכט, עס האט נישט אזוי שיין געוואקסן.

ענדליך נאך וואכן האט דזשאן אויפגעהויבן, ער האט זיך אנטשולדיגט אז ער פילט נישט אזוי גוט, און ער גייט קומען ווי אמשנעלסטן קעיר נעמען "יא, איך קום, איך קום, איך קום".

אזוי האט זיך געצויגן די גאנצע זומער סעזאן "יא, יא, איך קום, איך קום, איך גיי שוין קעיר נעמען". אסאך שאדן איז אונטערגעקומען פון דער 'איך קום, איך קום, איך קום, איך קום', ווייל אז מען נעמט נישט קעיר פון א זאך וואס דארף מעינטענענט'ס, ווערט עס חרוב, עס זענען געווען זייער אסאך זאכן וואס זענען חרוב געגאנגען וועגן דעם.

אינמיטן די זומער איז דזשאן טאקע אנגעקומען, א איינגעבויגענער, קראנקער, שטאט רוקנדיגער דזשאן, קוים וואס ער האט געדענקט, קוים וואס ער האט געוואקט, קוים וואס ער האט גערעדט, אבער ער איז געקומען צו גיין, און פרובירט צו טון אביסל. ער אליין האט שוין נישט צופיל געקענט קומען, האט ער מיטגעברענגט צוויי יונגאטשעס, זיי זאלן אים שטיין ביי די האנט און העלפן.

אזוי האט זיך געצויגן די זומער סעזאן. ביים סוף פון די זומער סעזאן איז ער געקומען פרובירן צו פאררעכטן די אלע שאדנס וואס איז געשען, ער האט געדארפט פעטשן די גראז, און ארויסרייסן ווייד'ס, מען האט געדארפט איינפלאנצן נייע גראז, לייגן נייע סיד'ס. אבער וויבאלד ס'איז שוין אריבער אזא לאנגע צייט איז עס געווען א גרויסע זשאב צו טון.

דזשאן מיט זיינע יונגע העלפער'ס זענען קוים קוים אנגעקומען די ארבעט, און די ביסל וואס זיי זענען געקומען איז געווען די ארבעט צופיל, און זיי זענען אוועקגעגאנגען איבערלאזנדיג א גרויסע לאך אין די ארבעט. איך האב אים נישט אפגעזאגט ווייל איך האב געשפירט שלעכט, ער האט מיר געהאלפן אפאר יאר, און איך האב אים געוואלט ווייטער ניצן אויב טוט ער דאס וואס איך דארף.

איך האב געמיינט אז ער וועט ווערן בעסער, און טאקע טון דאס וואס איך דארף. למעשה איז אריבער טעג און וואכן, און די שאדן איז געווארן זייער גרויס. אבער יעדן מאל עס איז געווארן א שאדן וואס האט אויסגעזען זייער גרויס, איז דזשאן דעמאלט אנגעקומען, און אנגעהויבן מאכן עפעס, עס האט אויסגעזען ווי זאכן רוקן זיך, עס האט אויסגעזען אז אט אט איז עס שוין ערלעדיגט, עס איז שוין קעיר גענומען, א שאד איך זאל יעצט דארפן טוישן צו א נייער לענדסקעיפער, ווייל ער גייט שוין קעיר נעמען, ער קען שוין פונקטליך די אויסשטעל, און ער גייט עס שוין מסדר זיין מיט זיינע מענטשן.

עס האט זיך אויסגעשטעלט ביים סוף פון זומער אז עס איז קיינמאל נישט געווארן געענדיגט, און די אלע פראבלעמען וואס האבן זיך אנגעזאמלט במשך דעם זומער זענען נישט פארראכטן געווארן.

און יעצט שטייט דא ביי מיין טיר א גוי וואס איך קען נישט, ער געבט זיך אן אלס איינער וואס קומט בשם דזשאן.

קודם האב איך אים געפרעגט וואס מאכט דזשאן, איך האב געוואלט מאכן א קידוש ה', זיך אינטערעסירן און זאגן די געוואונטשענע ווערטער, גאד בלעס יו - דער אייבערשטער זאל דיר בענטשן, דיר און דיין משפחה, און ער זאל בעסער פילן. אבער ער זאגט מיר אז דזשאן איז געווען זיין ליידע, און ער לעבט שוין נישט פאר צוויי יאר...

ער זאגט אז ער קומט יעצט אויפן באפעל פון זיין באבע, וואס האט אים געשיקט טון קאלעקשנ'ס, - אפנעמען די געלט וואס מען איז שולדיג פאר דזשאן.

איך האב אים געזאגט אז לויט וואס איך געדענק האבן אונז אפגעצאלט יעדע ביל. אבער ער וויזט מיר די געלע צעטלעך מיט נאמבער'ס פון אויבן, און ער זאגט: "ביי אונז אין די קאמפעני איז דא די אלע ביל'ס וואס זענען נישט געווארן באצאלט, דו ביסט שולדיג די ביל'ס, אז דו גייסט עס נישט צאלן גייען אונז נעמען ערנסטע שריט." עס איז געווען אסאך געלט.

איך האב אפילו צוגעלייגט אז איך געדענק קלאר אז איך האב אים געגעבן געלט איינמאל, און בשעת'ן געבן די געלט, וויבאלד עס איז געווען דעמאלט גרינע דאלער'ס, האב איך געטראכט ווער וועט טון וויסן אז די ביל איז אפגעצאלט, וואו ווערט עס אפגעשריבן, איך האב אים געפרעגט איבער דעם האט ער

מיר געזאגט: "יא זיכער איך גיי אהיים און איך שרייב עס אויף."

אזוי ווי מוהרא"ש לערנט אונז אלע יארן, מען קען קיינעם נישט געטרויען, מען קען קיינעם נישט טראסטן, און זיכער נישט א גוי. מיט דעם שמועס איז ער אוועקגעגאנגען, איך האב זיך ארויסגעדרייט און צוגעמאכט די טיר, מיט א שטארקע קלאפ, און א שטארקע דריי אויפן שלאס, זיך פרייענדיג אז ער איז יעצט אוועק פון דא.

עס האט מיר אבער זייער שטארק באריהרט, און די נעקסטע פאר טעג בין איך געווען צובראכן איבער די ביל'ס. איך האב עס איבערגעשמועסט מיט מיין מאן, אונז האבן ביידע געדענקט אז מען האט אלעס באצאלט.

עס איז אריבער אפאר טעג, און ער שטייט נאכאמאל ביים טיר, די זעלבע צייט פון טאג, איך בין פארנומען, די קאקאש קעיק יערט, די זופ באבלט איבער, די קינדער ווארטן מען זאל זיי אנפיטערן און אויסהערן נאך א לאנגע טאג, און ער איז דא ביים טיר. ער שטייט ביים טיר און פארלאנגט נאכאמאל "דא זענען די געלע פאפירן, דא איז מיין באווייז אז דו ביסט שולדיג פאר מיין זיידע געלט, און דו מוזט עס באצאלן. איך האב ארויסגעשיקט מיין מאן ער זאל מסביר זיין אז אונז האבן שוין באצאלט די ביל'ס, און עס קען זיין אז דער דזשאן איז געווען אן אלטער קראנקער גוי ער האט פארגעסן אראפצושרייבן די צאלונגען, און דעריבער ווייזט עס ביי זיי אז עס איז נישט באצאלט אבער מיר האבן מיר עס יא באצאלט. ער האט פון גארנישט געוואלט הערן, נאכאמאל און נאכאמאל האט מען איבערגעשמועסט די זעלבע זאך, עס איז אבער נישט געווען פאר מיינע נערוון, איך בין ברוך השם ביזי, איך בין ביזי מיט די קינדער, איך בין ביזי מיט די שטוב, איך בין ביזי אין קאך, און עס ווערט שוין די צייט פון לייגן די קינדער אין בעט איך האב נישט קיין צייט פאר די משוגעת.

ער האט אנגעהויבן סטראשען, אז אויב מיר גייען נישט יעצט זיך וויסענדיג מאכן דערפון, גייט ער נעמען לעגאלע שריט, מען גייט עס נעמען א טריט ווייטער. און מיט דעם איז ער אוועקגעגאנגען.

איך האב זייער מורא פון די ווערטער לעגאלע שריט, ערגעץ ביי מיר ליגט באהאלטן אין קאפ א שרעק פון די אלע גאווערמענט אפיסעס, די אלע וואס נעמען קעיר פון לעגאלע פאפירן און דאקומענטן. עס האט מיר געמאכט אומרואיג.

עס גייט אדורך איין טאג און נאך א טאג, איך האב זיך ממש געפילט ווי איך דריי זיך ארום אן א קאפ, א גאנצע צייט טראכט איך און וואס וועט זיין אויב ער גייט נאכאמאל קלאפן אין טיר, עס האט מיר געכאפט א שרעק אויב איך גיי אים נאכאמאל טרעפן ביים טיר, איך האב נישט געלאזט די קינדער ארויסגיין, איך האב צוגעשפארט די טיר. יעדע פאר טעג איז געקומען אפאר פאון קאל'ס פון אים, איך האב נישט אויפגעהויבן, איך האב אנגעהויבן פילן ווי איך לעב אין שרעק, און א לעבן מיט שרעק איז נישט קיין לעבן.

איך האב זיך געוואנדן צום אייבערשטן, איך האב פארציילט פונקטליך וואס די מעשה איז, און וואס ס'האט פאסירט, פארוואס זיי קומען, און פארוואס איך האלט אז זיי זענען נישט גערעכט, ווייל מיר האבן אלעס באצאלט, און נישט אז מיר האבן באצאלט נאר זיי האבן אונז געמאכט אזויפיל שאדן יענע זומער, אז פון די אלע שאדן וואלט אויסגעקומען אז זיי דארפן אונז נאך צוצאלן, וואס ווען מיר האבן שוין טאקע געריפן א נייע קאמפאני צו פאררעכטן אלע שאדן, האבן מיר געדארפט צאלן אסאך געלט, צו פאררעכטן די אלע פראבלעמען וואס זיי האבן איבערגעלאזט.

ווען מען שמועסט זיך אויס מיטן אייבערשטן ווערט מען רואיגער, איך האב זיך אביסל בארואיגט. איין טאג ווידער איז ער דא, אבער שכח אייבערשטער איך האב שוין נישט געהאט קיין שרעק, איך האב געוואוסט אז ער קען מיר גארנישט טון, ער קען מיר נישט שלעכטס טון, ער קען מיר נישט גוטס טון, עס וועט זיין אזוי ווי דער אייבערשטער וויל. איך האב געבעטן דעם אייבערשטער ער זאל מיר אפלאזן, ער זאל אויפהערן קומען צו מיר. דעמאלט האט ער געזאגט אז ער האט א צעטל פון א לויער אז מען גייט דארפן גיין אין געריכט, איך האב זיך געפריידט אז איך בין פטור געווארן פון אים אליין, געב מיר די צעטל און גיי אוועק פון דא.

ווען מיר האבן מיר דורכגעקוקט דעם צעטל האבן מען געזען אז מען דארף ענטפערן אין דרייסיג טעג. יעצט האט מיר אנגעכאפט א אמת'ע שרעק וואס האט באנומען מיין גאנצע גוף, איך וועל דארפן גיין אין געריכט, דאס איז שוין צופיל פאר מיר. מיין מאן האט אנגערופן א לויער וואס ער ניצט פון צייט צו צייט אין ביזנעס, ער קלינגט אים אן און פארציילט אים די גאנצע פרשה, ער האט געפרעגט וואס צו טון דא אין דעם פאל.

נאכן הערן די מעשה האט דער לויער קלאר געשטעלט אז עס איז בכלל נישטא קיין שום ממשות צו די קעיס, עס איז נישטא וואס זיך צו זארגן, עס איז נישט שייך ער זאל אונז נעמען צום געריכט, ווייל ער איז נישט דער באלעבאס פון די ביזנעס, עס איז נישטא קיין שום באווייז, און אזוי מיט א בלינק פון א אויגן איז די גאנצע בנין צופאלן, די גאנצע פרשה האט זיך שיין אויסגעלאזט.

עס ווארט אונז א יום הדין עס ווארט אונז א קאורט קעיס, נישט נאר פון אפאר דאלער, נאר פון פול מער. עס ווארט אונז צו ווערן אפגע'משפט א גאנצע יאר, צו מען זאל זיך חלילה מוטשענען מיט געזונט, מיט קינדער, מיט פרנסה. צו מען זאל האבן שווריקייטן אין שלום בית, שידוכים. האבן צוטון מיט מענטשן. נחת ביי די קינדער. עס ווארט אונז א שווערע שווערע געריכט, וועם כאפט נישט א ציטער, וועם ווארפט זיך נישט הענט און פיס ווען מען קומט נאנט צו די יום הדין.

אבער מיט איין פאון קאל, איין טריפ, וואס מיר זענען זוכה צו שיקן די מענער צום הייליגן רבי אין אומאן אויף ראש השנה, ווערט אויס קעיס. דער רבי האט געזאגט "וואס האסטו זיך צו זארגן אז איך גיי פאר דיר." דער הייליגער רבי האט געזאגט: "זיין ראש השנה איז העכער פון אלעס" איז וואס איז שייך זיך זארגן, מיר האבן מיר דעם גרעסטן לויער ביי אונז אין קאנטעקט.

נעם אביסל זיסע זאכן, און פאק איין א גוטע פעקל פאר דיין מאן, פאר דיינע קינדער, פאר דיין טאטע, און אזוי פרייליכערהייט זיי אים מחזק, שיק אים ארויס מיט א שמייכל, באגלייגט אים צו טיר אויפן וועג צום גרויסן לויער, זאג אים ער זאל פארן אויסבעטן פאר אונז א גוט געבענטשט יאר.

אז מיר האבן מיר א שליח וואס גייט פאר אונז צום הייליגן רבי אין אומאן אויף ראש השנה, איז דאך אלעס גוט, עס איז בכלל נישטא וואס זיך צו זארגן.

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

# מחשבה

ש. טראכטער



## וואו ביסטו ביי ונתנה תוקף?

"מאמי, איך האב א חידה." זאגט מיר מיין פינף יעריגער בכור.

"לאמיר הערן."

"וואו שטייט רחל ביי ונתנה תוקף?"

"מ...מ...ם..." טראכט איך הויעך. "איך פראביר אביסל איבערצוגיין די הייליגע תפילה אין מיין מידע מח, אבער איך קען זיך נישט דערמאנען צופיל מער ווי ונתנה תוקף קדושת היום... און מי יחיה ומי ימות..."

"איך ווייס נישט." בין איך מודה צו די פרייד פון מיין צדיק'ל. "נו?"

זיינע אויגן פינטלען מיט די פרייד פון מיסטעריע. "אין ווייבער שול!" זאגט ער מיר מיט טרואמפ.

איך שמייכל זיך אונטער. טאקע א גוט ווארט, אבער דערצו געב איך א שטארקע שלינג. מיין טייערער בכור ווערט קיינמאל נישט וויסן אז ער האט אצינד געעפנט א פארוייטאגטע ווינקל אין מיין הארץ.

אט איז אריבער יום כיפור די הייליגסטע טאג פון יאר און איך בין געשטאנען די לעצטע שעה פון אט די הייליגע טאג מיט טרערן אין די אויגן, אויפ'ן באלקאן מיט א קוויטשעדיג פיצלס און פראבירט צו בארואיגן.

ערגעץ פונדערוויטנס האב איך געהערט א קול ארויסקומען פון א שול נישט ווייט פון מיין הויז... "פתח לנו שער בעת נעילת שער..."

אוי האט מיין הארץ געריסן. מיינע טרערן האבן געשטיקט.

"באשעפער אט אט לויפן די הייליגע טעג פארביי. וויאזוי האב איך פארברענגט מיין חודש תשרי? וויאזוי האב איך פארברענגט מיין יום כיפור? צווישן מעגנע טיילס און קליקס? צווישן פיטערן איין קינד און איבערטוישן דעם צווייטן?

עס איז אריבער א ראש השנה. איך דאנק דיר אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען דערצו אז מיין מאן איז געווען אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן, אבער הלוואי ווען איך וואלט געקענט זאגן אז איך האב אויסגענוצט דעם ראש השנה ווי "נשים צדקניות...".

קוים א ווארט דא און א ווארט דארט. קיין געהעריגע סעודות איז נישט געווען, און איך וויל אפילו נישט רעדן פון די תקיעות.

איך האב קוים געדענקט אז עס איז דא א מושג פון עשרת ימי תשובה און ווען נישט וואס מיין מאן דערמאנט מיר אז מען דארף כפרות שלאגן, וואלט איך דאס אויך נישט געדענקט.

א נס אז די קינדער ברענגען אהיים צעטלעך פון חדר, אזוי געדענק איך כאטש אז "תשובה תפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה"...

און יעצט האלט מען שוין ביים גמר פון יום כיפור... און איך שטיי אויפ'ן באלקאן און די טרערן גליטשן זיך אראפ.

יא איך געדענק אויך די הארציגע ניגון פון ר' יו"ט עהרליך, "זיצט זיך דער סאסובער'ער ביים קינד'ס וויגעלע איי... לי לא.. לי...לי..."

איך ווייס אז אפילו דער גרויסער צדיק ר' משה לייב סאסובער זי"ע האט אויפ'ן וועג צו כל נדרי זיך אפגעשטעלט און איינגעוויגט א וויינענדיג קינד. די מעשה איז שוין מחזק אידישע מאמעס דורות אז די גרעסטע עבודה איז זיך אפצוגעבן מיט די צאן קדשים... אבער דאך...

מיין מח פליעט צוריק אן רשות צו א יום כיפור אלץ מיידל. אה... די ליכטיגע יום כיפור'ס וואס איך האב זוכה געווען מיטצוהאלטן. די איינגעהאלטענע הייליגקייט פון כל נדרי, וואס ווערט אלץ העכער און העכער... די

קילער לופט אינדרויסן, אויסגעמישט מיט די שניי ווייסער מענער שול, יעדער איינגעהילט אינעם קיטל. מען קען שפירן די העכערקייט אין די לופט.

איך דערמאן זיך אינעם יום כיפור'דיגן שחרית, נאך עטוואס מיד, אבער די נוסח פון די הייליגע טעג דערווארימט און וועקט אויף....

מוסף, די עבודה... אך.... די זיסע שטומע פון דעם בעל תפילה, "והכהנים...אה...הא...הא..... לפני ה' תטהרו!"

וכל מאמינים, צעגייט דאך אין אלע גלידער. ונתנה תוקף, וואס מיין צדיק'ל האט דערמאנט. די נאסע אויסגעווייקטע מחזורים, די טרערן אין ווייבער שול, יעדער ווערט מיטגעשלעפט ערגעץ וואו... די געשריי פונעם ציבור פון טיפן הארץ, "ותשובה ותפילה וצדקה..."

איך דערמאן זיך די זיסע טעם פון די געיאגטע מנחה, און אוודאי די ווארימע הארציגע תחנונים ביי תפילת נעילה...כי פנה יום...

מען קען דאך שפירן א שטיין טוט צוגיין. און אט די היכפונקט פון "ה' הוא האלוקים" וואו מען באגלייט כביכול ארויף דעם רבוש"ע, און דאן די לשנה הבאה מיט'ן לעצטן תקיעה... אוי, די אויסגעוואשענע געפיל, וואס נאר א איד קען פארשטיין.

און דאן פלי איך צוריק מיט א טראסק צו די מציאות. איך שטיי מיט'ן וויינעדיג קינד אין האנט און טראכט, "און וואס טוסטו? אלע אידן דאווענען און וויינען און וואס טוסטו? ווען דו זאלסט ווען כאטש זיין ווי די מאמע'ס פון אמאל און בעטן און בעטן און וויינען און וויינען אויף מאמע לשון, אבער וואס טו איך אז איך האב ניטאמאל כח דערצו? איך בין נאך אפגעשוואכט פון זיין א וואך אינדערהיים מיט פינף פיצלעך ב"ה.

איך בין אפגעשוואכט פון פאסטן און פון פאראבירן צו האלטן פינף לעבעדיגע חברה אין די ראמען און פון אויפזיין א האלבע נאכט מיט א וויינעדיג פיצלס. עס ווילט זיך מיטוויינען.

אצינד מאכט מיר מיין זיסער בכור אזא זיסע חידה... וואו איז רחל ביי ונתנה תוקף? אין ווייבער שול, כאילו עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז אלע אידישע מאמעס זיצן און וויינען אין ווייבער שול...

אט האט דער אייבערשטער רחמנות אויף מיר און מישט מיר אויף אין די קעמערלעך פון מיין זכרון א שיעור פון פארגאנגענע יאר ערב יום כיפור, וואס איך האב געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען פרעגט א קשיא. (פרעגט מיר נישט דעם מקור, איך געדענק נישט, איך געדענק אבער יא די לימוד דערפון.)

ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט האט מען פאר יעדע בריאה געגעבן א נאמען. פארוואס האט די ערד דוקא באקומען די נאמען "ארץ"? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז ווייל ארץ קומט פונעם לשון קודש'דיגע שורש "רץ" וואס מיינט "לויפן", און ווען דער ערד האט געהערט אז דער אייבערשטער הייסט אים אראפגיין אונטן אויף די וועלט און ווערן "ערד" איז ער געלאפן טון רצון ה'.

פרעגט זיך א קשיא, ווען דער הימל האט געהערט אז דער אייבערשטער הייסט אים ווערן "הימל" איז ער ווען נישט געלאפן? אוודאי יא. איז פארוואס הייסט נישט די הימל "ארץ"?

א גוטע קשיא.

דער ראש ישיבה האט געענטפערט א שיינע תירוץ. דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז ווען מען הייסט איינעם ווערן "הימל" דערהויבן און ער לויפט דאס טון, דאס איז נישט קיין קונץ. ווער האט דען נישט ליב זיך צו שפירן ווי א מלאך? ווער וויל נישט שפירן ווי א "ספעשיל צדיקות?"

אבער ווען מען הייסט איינעם ווערן "ערד" אראפגיין אונטן און ווערן צוטרעטן, טון "פשוט'ע זאכן" און דאך לויפט ער מיט פרייד טון רצון ה', דאן איז מען ווערד צום דערהויבענעם טיטל פון "רץ" ער יאגט זיך צו טוען רצון ה'.

ווער וויל דען נישט זיצן אין שול ארומגעוויקלט אין א ווייסע שאל און זיך שאקלען פרום איבער'ן מחזור? ווער וויל נישט מיטהאלטן יעדע תפילה, קדושה און תקיעה? ווער וויל נישט מיטהאלטן אין שול פון כל נדרי ביז לשנה הבאה?

אבער די גדלות איז דוקא אין "עזרת אמהות" אין "שול פון מאמע'ס" - אינדערהיים, דארט ווי מיר האדעווען די צוקונפטיגע גדולים, יראי ה', די צוקונפט פון כלל ישראל.

אז דו טראכסט אריין, וועסטו געוויס מודה זיין אז יעדע גדול בישראל, פוסק הדור און ערליכע איד האט זיך געהאדעוועט ביי א אידישע מאמע ווי מיך און דיך, וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט שפילרייען, שליכטן געפעכטן, פיטערן און איבערטון...

איז דען דא א גרעסערע זכות פאר'ן יום הדין? איז דען דא א מלאך וואס קען זאגן א שלעכט ווארט אויף א אידישע מאמע וואס טוט איר כח און טעג אוועקגעבן צו האדעווען די צוקונפט פון כלל ישראל?

איז דען דא א גרעסערע עבודה ווי אפלאזן די גרויסע עבודות און דאס איינטוישן פאר עפעס נאך העכער, "פאר ארץ"?

יעדע מלך האט מיניסטארן. עס זענען דא מיניסטארן וואס פירן די מלחמה. אנדערע זענען ממונה אויף די פינאנץ פונעם קעניג. געוויסע שטודירן און סטאבאלאזירן די עקאנאמיע. עס זענען דא מיניסטארן וואס זענען געשטעלט אויף די ריינקייט פון די מדינה. אויך איז דא געזונטהייט מיניסטארן און אזוי אויך אלע אפטיילונגען פון פאלאץ.

נאכדעם איז דא עפעס נאך העכער פון אלעם. דער קעניג נעמט אויף איין מיניסטערין, וואס זי ערציעט זיינע קינדער. זי זארגט פאר זייער וואוילזיין. יעדע מיניסטער האט זיין צייט ווען ער קען ערשיינען ביים קעניג, אבער זי, די ערציערין פון זיינע קינדער, זי קען אלעמאל אריינקלאפן. פאר

איר איז אלעמאל דא אן אפענע טיר און אן אפענע אויער. מען וועט איר אלעס נאכגעבן, ווייל איר ארבעט איז דאס מערסטע געשעצט. זי ערציעט די נייע דור פון בני מלכים, אפילו זי גייט נישט מיט די געביגלטע מונדירן ווי די אנדערע מיניסטארן...

אט דאס איז די אידישע מאמע. זי שטייט אזוי הויעך, זי האט כסדר'דיגע צוטריט צום קעניג.

איך געדענק אלץ כלה האבן מיר מיינע חבר'טעס געגעבן צו הערן ווארימע הארציגע ניגונים וואס האבן מיר געדארפט אנווארימען צו מיין יום החופה. אלע האבן געזינגען עגליכע זאכן... "כלה, דו האסט יעצט א שליסל...א כח... צו גרייכן גאר הויעך.... נאר איינמאל אין לעבן.... פאר דיר געגעבן.... באקומען פון די שכינה... איינמאל אזא בחינה... פארגיס א תחינה.... די באקומסט נאר איינמאל די אורות... צו בעטן פאר דיינע דורות....

אבער אנשטאט צו ווערן אנגעווארימט, בין איך געווארן דערשראקן און נערוועז. נאר איינמאל אין לעבן? באשעפער זיסער.. ווי געב איך זיך אן עצה? איך ציטער. איז טאקע אזוי אז נאר איין מאל אין לעבן קען מען בעטן וואס מען וויל... (איי, דאס לעבן אן א צדיק... אזא רחמנות...)

האט מיר מיין טאטע דאן בארואיגט און געזאגט, "עס איז אמת אז דער יום החופה איז זייער א גרויסע טאג און מען באקומט א נייע שליסל, אבער מען נעמט עס נישט צו... א אידישע פרוי בלייבט מיט'ן שליסל...."

און ווען מיר פירן אויס אונזער שליחות פונעם מלך מלכי המלכים דרייען מיר מיט'ן שליסל און עפענען אלע טויערן.

אז עס כאפט זיך ארויס א תפילה פון הארץ איז דאך זיכער גוט און אפילו ווען מען קען דאס נישט, איז אויך זיכער גוט, ווייל מיר האבן אזעלכע גוטע מלאכים וואס האפטן פאר אונז ביים בית דין של מעלה. מחנות מלאכים וואס ווערן באשאפן פון אונזערע בנינים פון מעגעגע טיילס און קליקס, פון די מעשה'לעך מיט וועלכע מיר שמוגלען אריין אביסל עסן אין מויל פון אונזערע קינדערלעך, פון די שלאפלאזע נעכט און די אומבאהאלפענע טעג, ווען מיר האדעווען די קינדער פונעם מלך.



שפעטער, נאכ'ן אויספאסטן, ווען די מח איז מיר געווען אביסל קלארער האב איך אריינגעקלערט, "פארוואס האב איך אזוי געוואלט זיין אין שול? וואס האט מיר אזוי ווי געטון? איך האב זיך געבענקט צו די גוטע געפיל פון זיין נאנט צום אייבערשטן. איך האב געוואלט "שפירן אייבערשטער..." איך האב געבענקט נאך די קשר וואס איך האב געשפירט אין יענע דערהויבענע מינוטן צום באשעפער. (אז מען קען אמאל אריינכאפן א תפילה אין שול, ווען די קינדער ווערן אביסל עלטער, מה טוב ומה נעים...אבער נישט דאס איז די אפטייטש פון "קרבת אלוקים...")

אבער מיט די ליכטיגע עצות פונעם רבי'ן, קענען מיר זוכה זיין צו שפירן אייבערשטער יעדע מינוט פון טאג, נישט נאר ווען מען וויינט אין מחזור, "אדם יסודו מעפר... אדער מי יחיה...". יעדע מינוט ווערט אן "עת רצון" א שעת הכושר זיך צו מקשר זיין און דערנענטערן צום גרויסן טאטן.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אין אומאן האט ער געפרעגט זיינע תלמידים וואו עס איז דא א גוטע פלאץ פאר התבודדות. האט זיך דער תלמיד אויסגעדרוקט אז עס איז אביסל א ווייטע מהלך צו גיין אהין. האט דער הייליגע רבי זיך אנגערופן, "וואו ווייט איז דען פון הארץ צום מויל?"

ווי שווער איז דען צו שפירן א נאנטשאפט מיט'ן אייבערשטן. עס מוז נישט דוקא זיין אינמיטן יום כיפור אינעם געפאקטן בית המדרש...

נאר בשעת'ן שפילן קליקס און לעגאס, אינמיטן פיטערן און איינשלעפן רייסט זיך ארויס א תפילה, א ניגון א בענקעניש פון הארץ, "באשעפער איך ווייס אז די בעסטע זאך אויף די וועלט איז זיין נאנט צו דיר, וויל איך עס אן א שיעור..."

"באשעפער איך וויל לעבן מיט דיר, איך וויל לעבן פאר דיר, איך וויל טראכטן פון דיר, איך וויל געדענקן וואס די תכלית אויף די וועלט איז.

"העלף מיר טאטע, זיין א גוטע ווייב און א גוטע מאמע. העלף מיר ארבעטן אויף מיינע מידות. העלף מיר טאטע אז מיר זאלן האבן גרויס שפע, מיין מאן זאל זיין געזונט און ער זאל קענען ברענגען גרינג פרנסה. אנא ה', איך בעט דיר טאטע, עס זאל קומען אויף אונז א זיס יאר, א ליכטיג יאר, א יאר פון יראת שמים, פון לויטערקייט, פון אמונת צדיקים, א יאר פון פרייד, פון שלום בית, פון געזונט פון נחת, א יאר פון טון דיין רצון מיט ליבשאפט און יראה.

"העלף דיינע קינדער טאטע, אזויפיל חולים אין שפיטאל ווארטן אויף א רפואה, אזויפיל אין תפיסה ווארטן אויף א ישועה. אזויפיל אידישע קינדער דארפן שידוכים, פרנסה, געזונט, און נחת. שיק אונז א יאר פון שמחה, פון אמונה, און פון די ענדגילטיגע גאולה."

איז וואו שטייט רחל ביי ונתנה תוקף? אדער ביי אבינו מלכנו? אין ווייבער שול... וואו איז די ווייבער שול ווילט איר וויסן?

אט דא אין קאך, אין שבת שטוב, אין שלאף צימער מיט די קינדער. דא איז די ווייבער שול, פון דא שרייט זיך ארויס "להתוודע... ולהגלות.... כי הוא מלך על כל "הארץ"!"

זאלן מיר טאקע זוכה זיין צו פועל'ן ישועות און רפואות מיט אונזער פראטעקציע ביים קעניג.

# Spare Ribs

BY: H. JAY

## INGREDIENTS:

- 3 LB. SPARE RIBS
- 1 PACK MARROW BONES (OPTIONAL)
- 2 ONIONS, SLICED
- 5 CLOVES GARLIC
- SALT AND BLACK PEPPER
- 1 BOTTLE BEER
- 1/2 CUP DUCK SAUCE
- 2 T ONION SOUP MIX
- 1/3 CUP BROWN SUGAR

## DIRECTIONS:

SAUTÉ THE ONIONS IN OIL FOR 10-12 MINS. MOVE TO THE SIDE OF THE PAN.

SPRINKLE SALT AND PEPPER OVER THE SPARE RIBS AND PAN. SEAR FOR ABOUT A MINUTE ON EACH SIDE.

ADD THE MARROW BONES AND THE REST OF THE INGREDIENTS. THE POT AND COOK FOR 5-6 HOURS ON A LOW FLAME.

OPTIONAL: FOR A THICKER GRAVY REMOVE THE MEAT AND BLEND AND THEN ADD MEAT BACK TO THE POT



# זכותים בבנין

זכות
## שם הבנין
$250.000.00

זכות
## חלוקה צימער
$75.000.00

**בראש השנה דנין את האדם כמה יפסיד, ואם זכה נותן זה הממון לעניים.**

(ספר המדות, צדקה אות כ.)

---

זיך איינצוהאנדלן א זכות אינעם בנין בית התבשיל
ווענד אייך צו מוה"ר יחזקאל סאמעט שליט"א

**347.452.1936**



זכות
**סטארידש**
$50.000.00

זכות
**קאך**
$50.000.00

זכות
**חדר אוכל מענער**
$36.000.00

זכות
**חדר אוכל פרויען**
$36.000.00

זכות
**שטח חלוקה**
$36.000.00

זכות
**פרידש**
$25.000.00

זכות
**פריזער**
$25.000.00

זכות
**שער** X6
$25.000.00

זכות
**HIGH LOW**
$18.000.00

זכות
**אבני יסוד**
$10.000.00

זכות
**אבני זהב**
$5.000.00

זכות
**אבני כסף**
$2500.00

זכות
**אבני נחושת**
$500.00

# קרן הבנין









*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נחום ברילל הי"ו**
**וזוגתו שרה רבקה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה אליעזר שטרויס הי"ו**
**וזוגתו מרים פראדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן האבן אסאך הצלחה אין שטעטל, און קענען ערציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

## דירה צו פארדינגען

צו פארדינגען א דריי בעדרום דירה אויף ירושלים גאס, פאר גאנץ חודש תשרי, אדער נאר פאר יום כיפור, אדער שמחת תורה.
רופט 347-885-4205

## השבת אבידה

געטראפן א קמעי
אין מחנה אילן החיים ביים שווימען.
אויך געפונען א קמעי מיט א ראבער אין סקול.
אויב פארלוירן ביטע רופט 845-238-7279




קרית ברסלב קינדער בלעטל וואונטשט פאר אלע חשובע
קינדער און פאר גאנץ כלל ישראל א גוט געבענטשט יאר!

# מַעֲשֶׂה'לַעךְ פַאר קִינְדֶערְלַעךְ

## בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן

**טַייעֶרֶע קִינְדֶער**, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין צַייט אַרוּם צוּ גֵיין אִין דִי גַאסְן קוֹיפְן פְּרֵייזֶעס; מֶען דַארְף גֵיין צוּם צִיוּן אוּן דָארְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, בַּיים צִיוּן קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ

הֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטְן אִיד פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלִיזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִּיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט וִוילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין

נָאכְמִיטָאג, מַמָּשׁ בַּיים זְמַן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע גֵייעֶן צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה הָאט דֶער אִיד צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן צוּ אֵיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס

דֶער אִיד וֵויינְט אוּן וֵויינְט, פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִּיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן אוּן אַרַיינְזֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה ג'), וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הִינְקֶעדִיגֶער הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פִּיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט"; דֶער טַאטֶע פִירְט אוֹיס: "וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוֹיבּ וִוי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוֹיבּ אִיז הֵיילִיג"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער גֵייט צוּם צִיוּן אוּן וֵויינְט אַייךְ אוֹיס דָאס הַארְץ בַּיים צִיוּן, בֶּעטְס דָארְט וָואס אִיר דַארְפְט; בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען זִיךְ אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען, מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן




"הֶעלְף מַיין זון זָאל קֶענֶען גֵיין!"

# קליין און פיין



אליעזר שלמה און נחמן יואל וועבערמאן



נתי אפענהיים



ליפא און יוסי פארקאש



נחמן און נתן רבינאוויטש מיט אליעזר שלמה זויבערמאן

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


אליעזר שלמה בוים


אליעזר שלמה שטיינבערג


נפתלי און יוסי אינדיג


יוסי אינדיג, אהרן פריעדמאן, אברהם אלי' ברילל - א וואגשאל


לאה'לע ראבינאוויטש


צפורה בירנבוים


פייגי לאנדא

# מִשְׁפַּחַת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

**צִירִי** (11 יָאר אַלְט) פַּארְצֵיילְט:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ זוּמֶערְדִיגֶע נָאכְמִיטָאג, דִי זוּן הָאט לִיבְּלֶעךְ גֶעשְׁמֵייכְלְט פוּן פֶענְסְטֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אַנְגֶענֶעמֶע וֶועטֶער. אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן אִין פָּארְטְשׁ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מַיינֶע זִיסֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וֶועלְוֶועלֶע, הֶענְדִי אוּן דֶער קְלֵיינֶער נָתִי. אִיךְ הָאבּ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זֵיי כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין מַאמֶע פוּן אִיר נָאכְמִיטָאג שְׁלָאף. אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ צוּגֶערוּקְט נֶענְטֶער צוּ מִיר אוּן אָנְגֶעשְׁפִּיצְט דִי אוֹיעֶרְן, גְרֵייט אַרוֹיסְצוּהֶערְן יֶעדֶע וָוארְט.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן: פַאר אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטֶעטְל לִיזֶענְסְק אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק...

גְלַייךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי פְרַאגֶעס: "עֶס אִיז אַ אֱמֶת'עֶ מַעֲשֶׂה?" - הָאט וֶועלְוֶועלֶע נֵייגֶערִיג גֶעפְרֶעגְט. "עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד?" - הָאט הֶענְדִי וִויכְטִיג גֶעדַארְפְט וִויסְן.

דִי שְׁאֵלוֹת זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן וִוי אַ שְׁטוּרֶעם, אוּן אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ עֶסְפִּיעֶט צוּ עֶנְטְפֶערְן זֶע אִיךְ וִוי נָתִי שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוֹיף אַ בֶּענְקְל, עֶר שָׁאקְלְט דִי קֶעפֶּעלֶע אוֹיף אַלֶע זַייטְן אוּן שְׁרֵייט: יָא, יָא, יָא, יָא... וִוי צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי זִיס! אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט צוּגֵיין אוּן אִים גֶעבְּן אַ קְנִיפְּל אִין זַיינֶע פוּכִיגֶע בֶּעקֶעלֶעךְ, "דוּ בִּיסְט דֶער זִיסְטֶער בֶּעיבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט" הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶערוּפְן אוּן אִים צוּקוּשְׁט.

פּוּנְקְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט פַּארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, הֶער אִיךְ אַ קְלַאפּ אִין טִיר, גָאלְדִי שְׁטֵייט דָארְט אוּן זָאגְט מִיר: "אוּנְז הָאבְּן אָרְגַאנִיזִירְט פַאר פְרוּמִי אַ 'בִּיקוּר חוֹלִים פַּארְבְּרֶענְג' וַוייל זִי פִילְט נִישְׁט גוּט. אַ גְרוּפֶּע מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן קוּמֶען אִיר בַּאזוּכְן אוּן אִיר דֶערְפְרֵייעֶן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה! קֶענְסְט פְרֶעגְן דַיין מַאמֶע אוֹיב דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ מִיטְקוּמֶען?"

אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַ פַּארְלֶעגְנְהֵייט, וָואס טוּ אִיךְ דָא? מַיין מַאמֶע שְׁלָאפְט יֶעצְט, וִוי מֶעג אִיךְ אִיר אוֹיפְוֶועקְן? אָבֶּער עֶס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֵיין מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין, אוֹיךְ אִיז עֶס גֶעשְׁמַאק, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט, מֶען הָאט הַנָאָה!

אַפָּאר מִינוּט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקְוֶוענְקְלְט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן, בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ וֶועל בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן מַיין מַאמֶע, אֲפִילוּ בִּיקוּר חוֹלִים זֶעט מִיר אוֹיס אַזַא רִיזִיגֶע מִצְוָה, וֵוייס אִיךְ אַז אַ מַאמֶע אִיז הֶעכֶער אוּן הֵיילִיגֶער פוּן אַ-לֶ-ע-ס, אוּן אִיךְ וֶועל חָלִילָה נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִיר כָּבוֹד.

אוֹיפְצוּמָארְגְן'ס אִין שׁוּלֶע הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי דִי חַבֶרְ'טֶעס שְׁמוּעֶסְן אִיבֶּער וִוי אַנְגֶענֶעם עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי פְרוּמִי'ס הוֹיז, אוּן וִוי פְרוּמִי הָאט הַנָאָה גֶעהַאט, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גְלִיקְלִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג פַאר מִיר.

יֶעצְט גֵייִמִיר אַרִיבֶּער צוּ מֶענְדִי (8 יָאר אַלְט) הֶערְן וָואס עֶר פַּארְצֵיילְט:

אִיךְ בִּין הַיינְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אִיבֶּערְרַאשְׁט!

וֶוער קֶען אוֹיסְגֶעפוּנֶען פַארְוָואס?

אֶפְשָׁר וַוייל אִיךְ הָאבּ הַיינְט אַ גֶעבּוּרְטְסְטָאג?

ל. סאקס

אֶפְשָׁר גֵייעֶן אוּנְז גֵיין אוֹיף אַ טְרִיפּ?

אֶפְשָׁר הָאט מַיין חַבֵר דָנִיֵאל׳ס מַאמֶע גֶעבּוֹירְן אַ בֶּעבִּי?

אֶפְשָׁר גֵייט מַיין בַּאבֶּע קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער הוֹיז?

שׁוֹין אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן, אֵיינְס וַוייל דָנִיֵאל׳ס מַאמֶע הָאט גֶעבּוֹירְן אַ בֶּעבִּי און וֶועגְן דֶעם אִיז הַיינְט גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אִין חֵדֶר. און אִיךְ, וָואס אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְ׳ס אַזוֹי נָאנְט מִיט דָנִיֵאל, בִּין גֶעוֶוען כִּמְעַט דֶער בַּעַל שִׂמְחָה.

דָנִיֵאל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה פַאר יֶעדְן. עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיפְן בָּאס וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, אַלֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט.

אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז זַיין מַאמֶע זָאל גֶעבּוֹירְן אַ בֶּעבִּי, און שְׂכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין מַאמֶע הָאט גֶעבּוֹירְן אַ גֶעזוּנְטֶע זִיסֶע מֵיידְל בֶּעבִּי.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ פַארְוָואס אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִם יִרְצֶה הַשֵׁם

צוּם וִוידֶערְזֶען אי״ה!



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

ערב ראש השנה



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט מ'דארף טרעפן ביי זיך א נקודה טובה

## ברסלב'ע חידות

**וועלכע פיר זאכן האט דער רבי געזאגט מ'דארף טון ראש השנה?**

| | |
|---|---|
| א. זאגן משניות | א. נישט רעדן איבעריג |
| ב. וויינען | ב. עסן מילגרוים |
| ג. זיין פריילעך | ג. זיך בייזערן |
| ד. זיך שאקלען | ד. טראכטן נאר גוט |

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט נישט געלאזט מאכן קיין חובות

## געב א שמייכל

**אין וועלכע טרינקען קען מען אריינגיין?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**כא. זִוּוּגָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עַל יְדֵי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.**

דִי זִוּוּג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דוּרְךְ דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידְן.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**תשובה, תפלה און צדקה, נעמט אוועק די שלעכטע גזירות!**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ה | ה | ל | צ | ל | ו | ע |
| ח | ש | ט | ק | ר | ר | י | ט |
| ח | ק | ה | נ | ד | מ | ה | ר |
| ו | ס | ע | ל | צ | צ | ו | ר |
| ק | כ | כ | מ | ה | ע | ו | צ |
| ש | י | ת | ש | ז | פ | מ | ו |
| כ | כ | נ | ד | י | ת | י | ב |
| א | ה | ב | כ | ש | מ | צ | י |
| ק | ח | ה | ש | ת | ט | נ | ו |
| א | מ | צ | א | כ | ו | ע | מ |
| ז | ט | ע | ר | ר | ה | מ | י |
| י | נ | ה | ב | ל | ז | ו | ב |
| פ | כ | ע | פ | י | ל | ח | ר |
| ל | י | ת | ק | ו | ר | ק | א |
| ט | ו | ח | ב | כ | א | י | ו |
| ר | ה | ש | ת | ו | ת | ג | נ |
| ר | מ | ד | ג | מ | נ | ח | נ |
| ג | ר | ו | ת | ש | ו | ב | ה |
| ס | צ | ד | י | ט | כ | נ | מ |
| ע | צ | ש | ק | פ | מ | י | ז |
| ה | ר | ז | ג | ה | ה | ג | י |

בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן...

...וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!

# 16 דער אוצר אויפן באן

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

פארזעצונג פון פריער: מוהרא"ש זאגט יעדע נאכט באהאלטענערהייט תיקון חצות




געמאכט מיט רשות פון ציר ברסלב

# אין גרעסער געשעפט



ש. טראכטער

"העלא?" האב איך אריינגעזאגט אין טרייבל.

"א גוטן. מיר רופן דא פונעם אויגן-גלעזער געשעפט. מיר האבן געוואלט לאזן וויסן אז די גלעזער איז גרייט אפצונעמען."

"יישר כח." האב איך זיך באדאנקט.

ש'כח אייבערשטער.

פארגאנגענע וואך האט זיך מיין אויגן-גלעזער צובראכן. איך האב נישט אזא הויעכע נומער ממילא האב איך זיך געקענט באגיין אן מיינע גלעזער, אבער עס איז מיר געווען גאר אומבאקוועם.

איך האב נישט געזען קלאר און איך האב זיך געדארפט אנשטרענגען מיינע אויגן צו דערקענען מיינע חבר'טעס פונדערווייטנס.

איך האב געבעטן רשות פון מיין מאמע און גלייך דערנאך בין איך ארויס אפנעמען מיין פארראכטענע גלעזער, איידער די געשעפט שפארט זיך.

ווייזט אויס איך בין נישט די איינציגסטע וואס צוברעכט די גלעזער. ווען איך בין אריינגעקומען אין געשעפט האב איך דערזען א רייע פון בערך זיבן מענטשן פאר מיר.

איך האב נישט געהאט צופיל ברירות, איך האב וויכטיג געדארפט מיינע גלעזער, האב איך זיך געשטעלט אין די רייע און אויסגעווארט.

איך האב דערזען ביי די רעכטע זייט נאך א רייע וואס דארט האבן אויך בערך זיבן מענטשן געווארט, ווייזט אויס אז זיי האבן געווארט פאר'ן צווייטן ארבעטער צו ערפילן זייערע בקשות.

קוקענדיג פונדערווייטנס האב איך באמערקט, עטוואס אומקלאר א מיידל בערך אין מיין עלטער שטיין אויף די אנדערע רייע.

איך האב איר באטראכט. זי האט אויסגעזען אזוי צוזאמגענומען, קלאסיש. איך האב איר ווייטער באטראכט. און איך האב איר שוין אפילו אביסל מקנא געווען. פונדערווייטנס האט אויסגעזען ווי זי טראגט שיינע קליידער און זי האט אויסגעזען צו זיין אזא זיכערע מיידל. 'מן הסתם איז זי זייער אנגענומען צווישן די חבר'טעס.' האב איך געטראכט.

קוקענדיג אויף איר האב איך באמערקט אז די מיידל קוקט אין מיין ריכטונג. איך האב נישט געקענט קלאר זיין צוליב דעם וואס איך האב נישט אנגעהאט די גלעזער, אבער עס האט זיך מיר געדאכט אז זי קוקט אויף מיר.

איך האב שנעל אוועקגעקוקט. איך האב זיך געשעמט אז זי זאל באמערקן אז איך קוק איר נאך. וואס וועט זי קלערן אויף מיר?

איך האב זיך אליינס געשעמט פון מיינע מחשבות. פארוואס בין איך אזוי פארנומען קוקן אויף יענעם? פארוואס טראכט איך פון יענעם. אפילו איך האב געוואוסט אז איך טו נישט ריכטיג, האב איך זיך עפעס נישט געקענט באהערשן.

עפעס האט מיר געצויגן צו קוקן. און ווי מער איך האב געקוקט אלץ מער האב איך מקנא געווען. די מיידל פונדערווייטנס האט אויסגעזען אז זי "האט עס."

איך האב ווידער באמערקט ווי זי קוקט אין מיין ריכטונג און זיך שנעל אוועקגעדרייט.



די רייע האט זיך גערוקט פאראויס. סיי אונזער רייע און אויך די אנדערע רייע. די מיידל איז געקומען נענטער צו מיר. איך האב געגעבן א גע'גנב'טע בליק צו איר זייט.

אינטערעסאנט, אויך זי האט היינט אן א געלע העמד, פונקט ווי מיר.

"לאז אפ א צווייטן. קוק דיינע מעלות." האב איך זיך גע'מוסר'ט אין קאפ.

אט איז געקומען מיין רייע. איך טרעט צו צום קאונטער און איך באמערק פון א זייטיגע בליק אז אויך "יענע מיידל" איז צוגעגאנגען בעטן וואס זי דארף.

איך האב זיך אנהויבן וואונדערן פארוואס זי איז דא. און איך האב שוין געטראכט אויב זי קומט אויך אפנעמען גלעזער און אויב יא, וואספארא סארט גלעזער זי האט אויסגעוועלט. מן הסתם די טייערע סארט, די נייעסטע סטייל. איך האב זיך שוין געשעמט פון איר אז אפשר זענען מיינע גלעזער נישט אזוי "אין סטייל..."

דער אינגערמאן אונטער'ן טישל איז שוין געווארן אומגעדולדיג. ער האט זיך געוואונדערט פארוואס די מיידל וואס שטייט דא איז אזוי פארקלאצט.

"אנטשולדיגט, איך קען אייך העלפן?" האט ער געפרעגט.

"יא," האב איך זיך פארשעמט. 'געוויס פירט זיך 'יענע מיידל' נישט אזוי אויף.' האב איך געטראכט צו זיך.

"איך בין געקומען אפנעמען גלעזער פאר ווייס."

דער יונגערמאן האט אדורכגעקוקט די גלעזער און עס געפונען. ער האט דאס אראפגעלייגט אויפ'ן טישל און איך האב עס גענומען און באדאנקט.

דאן בין איך אריבער אין א זייט און עס אנגעטון. איך האב געוואלט זען אויב עס איז מיר באקוועם. די ערשטע פלאץ ווי איך האב געקוקט איז געווען צו "יענע מיידל."

איך האב זיך געוואונדערט אויב זי איז נאך דא. איך האב זיך אויסגעדרייט צו יענע זייט און יא, איך האב איר דערזען.

אנטשולדיגט, איך האב זיך נישט ריכטיג אויסגעדרוקט.... איך האב זיך אליינס דערזען...

צו מיין שאק און בושה האב איך זיך דערזען שטיין פארנט פון...

א שפיגל...!

איך האב נישט געהאט מיט וועמען צו לאכן אדער וויינען... איך בין געבליבן א גוטע חוזק אבער מיט א גוטע לערע...

איך האב געזען אז די בעסטע און שענסטע געפונט זיך נאר ביי מיר!!!

איך האב זיך געלערנט א גוטע לעקציע אין לעבן. טו אן דיינע ברילן און זעה די שיינע לעבן וואס דו האסט. קיינער האט נישט בעסער ווייל דיין לעבן האט דיר דער גרויסער באשעפער געגעבן און עס איז א שאד די צייט און מח וואס מען געט אוועק צו טראכטן פון אנדערע.

אנשטאט דעם לאמיר קוקן ביי זיך אזיווי דער תם האט געזאגט פאר זיין ווייב (סיפורי מעשיות)

"דאס איז מיין מעשה און דאס איז זיין מעשה, וואס דארף מען רעדן פון א צווייטן?"

און אז מען קוקט ביי זיך לעבט מען אין גן עדן.

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



מען געבט איבער פארן ראש ישיבה שליט"א עצתו אמונה חלק י'

קרעדיט: יעקב פיש



מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו און מו"ה אליעזר שמן הי"ו ארבעטן שווער צוויי שעה פארן זמן צו פארעכטן די עירוב אין שטעטל



מען הייבט אן גראבן פרישע דירות אויף די בארדיטשוב גאס אין שטעטל

קרעדיט: אהרן שלמה שווארץ



רענאוואציעס אין בית פיגא אין בני ברק



שארטקאט אויף האשקי קיין איסט מאנגאופ




מאפע פונעם שארטקאט וואס שלענגעלט זיך פון האשקי קיין מארקס










קרית ברסלב שאפינג עקספאו אין בית המדרש עצתו אמונה

בס"ד

צוליב די גרויסע נאכפראגע טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות מעגא פעקעדזש

א ריכטיגע
עונג שבת
פאר די גאנצע משפחה




לאורותיה בעז"ה
אנגעקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

IDEA. 8457269664

קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

• עצתו אמונה • קרית ברסלב בלעטל • גליון היכל הקודש • גליון שיעורי חינוך

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
**718-387-2691 *3**

אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

# כתבינו בספר זכיות

נאך
געציילטע
זכותים
פארבליבן!

כתיבת
ספר
תורה
לזכות
רבינו
נחמן
בן פיגא

על ידי
אנשי
שלומינו

תלמודי
היכל
הקודש

יעצט בימי הרחמים
והרצון פארזיכערט אייך
א זכות אינעם הייליגן
רבינ'ס ספר תורה
פארבינדט אייך היינט
מיטן גבאי לייבי ראטה
**845.295.1500**

*sruliHeskel